NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 12818

FAR DER SHUL

Isaac Leib Peretz

The original of this title comes from the permanent collection of the YIVO Institute for Jewish Research, New York, NY

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. ל. פּערעץ

פאַר דער שול

קאָונאַס—1940

ארויסגעגעבן דורך דער געז. „ליבהאָבער פון וויסן"

דרײַ נײַטאָרינס.

די אויגן רויט, די ליפּן בלאָ,
קיין טראָפּן בלוט אין באַק נישטאָ,
דער שטערן בלאַס, באַדעקט מיט שוויים!
דער אָטעם אָפּגעהאַקט און הייס — —
עס זיצן דריי מיידלעך און נייען!

— — — — — — — — —

די נאָדל — בלאַנק, די ליוונט — שניי
און איינע טראַכט: איך ניי און ניי,
איך ניי באַטאָג, איך ניי באַנאַכט,
קיין כופּע־קלייד זיך נ י ש ט געמאַכט!
וואָס קומט אַרויס, איך ניי?
נישט איך שלאָף און נישט איך עס...
איך וואָלט געגעבן אַפּ מייער באַל נעס,
עפּשער וואָלט ער זיך געמיט:
אַן אַלמענ כאָטש, אַן א ל ט ג ייד.
מיט קינדערלעך אַ שאָק!

— — — — — — — —

די צווייטע טראַכט: איך ניי און שטעפּ,
און שטעפּ מיר אויס גאָר גראָע צעפּ!
דער קאָפּ — דער ברענט, די שלייפּ — וי האַקט,
און די מאַשין — קלאַפּט צו צום טאַקט:
— טאַ־טאַ, טאַ־טאַ, טאַ־טאַ!

איך פאַרשטיי דאָך יענעמס ווינק!
אַן אַ כופּע אָן אַ רינג,
וואָלט געוועג אַ שפּיל, אַ טאַנץ,
אַ ליבע אַפּ — אַ יאָר אַ גאַנץ!
נאָר דערנאָך, דערנאָך?

— — — — — — — — —

די דריטע שפּייט מיט בלוט און זינגט:
איך ניי מיך קראַנק, איך ניי מיך בלינד.
עס צוויקט די ברוסט בא יעדן שטאָך...
און ער — האָט כאַסענע די וואָך!
איך ווינטש אים נישט קיין שלעכטס!

עט, פאַרגעסן וואָס אַמאָל!...
טאַכריכים וועט מיר נעבן קאָהאָל,
אויך אַקליינטשיק פּיצל ערד,
איך וועל רוען אומגעשטערט,
איך וועל שלאָפן, שלאָפן!

באָנציע שווײַג.

דאָ, אַף דער וועלט, האָט באָנציע שווײַגנס טויט גאָר קיין אײַנדרוק נישט געמאַכט! פרעגט עמיצער באַכיירעם: ווער באָנציע איז געוועזן, ווי אַזוי ער האָט געלעבט, אויף וואָס ער איז געשטאָרבן! צי האָט אין׳ם דאָס האַרץ געפּלאַצט, צי די קויכעס זײַנען אים אויסגעגאַנגען, צי דער מאַרך־ביין האָט זיך איבערגעבראָכן אונטער אַ שווערער לאַסט... ווער ווייסט? עפּשער איז ער גאָר פאַר הונגער געשטאָרבן!

אַ פערד אין טראַמוויי זאָל פאַלן, וואָלט מען זיך מער אינטערעסירט. עס וואָלטן צײַטונגען געשריבן, הונדערטער מענטשן וואָלטן פון אַלע גאַסן געלאָפן און די געוויילע באַקוקט; באַטראַכט אַפילו דעם אָרט, וווּ די מאַפּאָלע איז געוועזן...

באָנציע האָט שטיל געלעבט און איז שטיל געשטאָרבן; ווי אַ שאָטן איז ער דורך — דורך אונדזער וועלט!

אויף באָנציעס בריס האָט מען קיין ווײַן נישט געטרונקען, עס האָבן קיין קויסעס געקלונגען! צו באַר־מיצווע האָט ער קיין קלינגענדיקע דראָשע נישט געזאָגט... געלעבט האָט ער ווי אַ גרוי קליין קערנדל זאַמד באַם ברעג פון יאַם צווישן מיליאָנען זײַנס־גלײַכן; און, אַז דער ווינט האָט׳ן אויפגעהויבן און אַף דער אַנדערער זײַט יאַם אַריבערגעיאָגט, האָט עס קיינער נישט באַמערקט!

באַם לעבן האָט די נאַסע בלאָטע קיין צייכן פון זײַן פוס נישט באַהאַלטן; נאָכן טויט — האָט דער ווינט דאָס קליינע ברעטל פון זײַן קייווער אומגעוואָרפן: דעם קאַברענס ווײַב האָט עס געפונען ווײַט פון קייווער און דערבײַ אַ טעפּל קאַרטאָפל אָפּגעקאָכט... עס איז דרײַ טעג נאָך באָנציעס טויט, פרעגט דעם קאַברען באַכיירעם, וווּ ער האָט׳ן געלייגט!

אַ שאָטן! זײַן פאָטאָגראַפיע איז נישט געבליבן בײַ קיינעם אין מויאַך בײַ קיינעם אין האַרץ; עס איז פון אים קיין זייכער געבליבן!

„קיין קינד, קיין רינד״; עלנט געלעבט — עלנט געשטאָרבן!

ווען נישט דאָס מענטשלעכע גערודער, וואָלט עפּשער עמיצער אַמאָל דערהערט ווי באָנציעס מאַרך־ביין האָט אונטער דער לאַסט געקנאַקט; וואָלט

די וועלט מער ציַיט נעהאט, וואָלט עמיצער עפּשער אמאָל באַמערקט, אַז באַנ־ציע (אויך א מענטש) האָט לעבעדיקערהייט צוויי אויסגעלאָשענע אוינן און שרעקלעכע איַינגעפאלענע באקן; אז אפילע ווען ער האָט גאָר שוין קיין לאסט נישט אף די פּלייצעס, איז אים אויך דער קאָפּ צו דער ערד געבוינגן, גלייַך ער וואָלט לעבעדיקערהייט זיַין קייווער געזוכט! וואָלטן אזוי וויַיניק מענטשן ווי פערד אין טראמוויי געוועזן, וואָלט עפשער אמאָל עמיצער געפרעגט: ווו איז באַנציע אהיינגעקומען?!

ווען מען האָט באַנציען אין שפּיטאָל אריַינגעפירט, איז זיַין ווינקל אין סוטערינע נישט ליידיק געבליבן — עס האָבן דערויף צען זיַינס־גליַיכן גע־וואַרט, און צווישן זיך דעם ווינקל „אין־פלוס" ליציטירט; ווען מען האָט'ן פון שפּיטאָל - בעט אין טויטן־שטיבל אריַינגעטראָגן, האָבן אפן בעט צוואַנציק אָרימע קראַנקע געוואַרט... ווען ער איז ארויס פון טויטן־שטיבל — האָט מען צוואַנציק הארוגים פון אונטער אן איַינגעפאלן הויז געבראַנגט — — — ווער ווייסט, ווי לאנג ער וועט רויק ווינען אין קייווער? ווער ווייסט, וויפל עס וואַרטן שוין אף דעם שטיקל פּלאַצ...

שטיל געבוירן, שטיל געלעבט, שטיל געשטאָרבן און נאָך שטילער באַגראָבן.

. . . .

נאָר נישט אזוי איז געוועזן אויף י ע נ ע ר וועלט! ד אָ ר ט ן האָט באַנציעס טויט א גרויסן איַינדרוק געמאַכט!

דער גרויסער שויפער פון מאָשיאַכס ציַיטן האָט געקלונגען, אין אלע זיבן הימלען: באַנציע שוויַיג איז ניפטער געוואָרן! די גרעסטע מאַלאָכים מיט די ברייטסטע פּליגל זיַינען געפלויגן און איינער האָט דעם אנדערן איבערגעגעבן: באַנציע איז „איַינגעלאדן געוואָרן ביעשיווע שעל מײַלע"! אין גאניידן איז א ראַש, א סימכע, א גערודער: „באַנציע שוויַיג! א שפּאַס, באַנציע שוויַיג!!!"

יונגע מאַלאָכימלעך מיט בריליאַנטענע איַיגעלעך, גאָלדענע דראָט־אַרבע־טענע פליגעלעך און זילבערנע פאַנטאָפעלעך זיַינען באַנציען אקעגן געלאָפן מיט סימכע! דער גערויש פון די פליגל, דאָס קלאַפּן פון די פאַנטאָפעלעך און דאָס פרייַלעכע לאַכן פון די יונגע, פרישע, רויזיקע מיַילעכלעך האָט פארפולט אלע הימלען און איז צוגעקומען ביז צום קיסיי האַקאָווער, און גאָט אליין האָט אויך שוין געוווּסט, אז באַנציע שוויַיג קומט!

אווראָהאָם אָווינו האָט זיך אין טויער פון הימל געשטעלט, די רעכטע האנט אויסגעשטרעקט צום ברייטן „שאָלעם אלייכעם" און א זיסער שמייכל שיַינט אזוי העל אף זיַין אלטן פּאָנים!

וואָס רעדלט אזוי אין הימל?

דאָס האָבן צוויי מאַלאָכים אין גאניידן אריַין פאר באַנציעס וועגן א גינגאָלדענע פּאָטערשטול אף רעדלעך געפירט!

וואָס האָט אזוי העל געבליצט?

דאָס האָט מען דורכגעפירט א גאָלדענע קרוין מיט די טײַערסטע שטײ־
נער געזעצט! אלץ פאר באָנציען!

— נאָך פארן פסאק פון בעזדן שעל מײַלע? פרעגן די צאַדיקים פארוואונ־
דערט און נישט גאָר אָן קינע?

— אָ! ענטפערן די מאלאָכים, דאָס וועט זײַן א פראָסטע פוסטע פאָרמע!
קעגן באָנציעס שווײַגן וועט אפילע דער קאטייגער קיין וואָרט אין מויל נישט גע־
פינען! די „דיעלע" וועט דויערן פינף מינוט!

— איר שפּילט זיך מיט באָנציעס שווײַגן? —

אז די מאלאָכימלעך האָבן באָנציען געכאפּט אין דער לופט און
אָפּגעשפּילט אים א זעמער; אז אווראָהאָם אָווינו האָט אים ווי אן אלטן קאַ־
מעראד די האַנט געשאָקלט; אז ער האָט געהערט, אז זײַן שטול איז גרייט
אין גאניידן, אז אף זײַן קאָפּ וואַרט א קרוין; אז אין בעזדן שעל מײַלע וועט
מען איבער אים קיין וואָרט נישט ריידן — האָט באָנציע, גלײַך ווי אף יענער
וועלט, געשוויגן פאר שרעק! עס איז אים דאָס הארץ אנטגאנגען! ער
איז זיכער, אז דאָס מוז זײַן א כאָלעם, אָדער א פראָסטער טאָעס!

ער איז צו ביידע געוויינט! נישט איינמאָל האָט זיך אים אף יענער
וועלט געכאָלעמט, אז ער קלײַבט געלט אף דער פּאָדלאָגע, גאנצע אויצרעס
ליגן... און אופגעכאפּט האָט ער זיך נאָך א גרעסערער קאפּצן ווי נעכטן...
נישט איינמאָל האָט אים עמיצ פאר טאָעס צוגעשמייכלט, א גוט וואָרט געזאָגט
און איבערגעדרייט זיך און אויסגעשפּיגן...

— מײַן מאזל — טראכט ער — איז שוין אזוי!

און ער האָט מוירע די אויגן אופצוהויבן, דער כאָלעם זאָל נישט פאר־
שווינדן; ער זאָל זיך נישט אופכאפּן ערגעץ אין א הייל צווישן שלאנגען און
עקדישן! ער האָט מוירע פון מויל א קלאנג ארויסצולאָזן, מיט א גליד א ריר
צו טאָן—מען זאָל אים נישט דערקענען און אוועקשלײַדערן אף קאָפּ־וועקאָל *)...

ער ציטערט און הערט נישט די מאלאָכימס קאָמפּלימענטן, זעט נישט
זייער טאנצן ארום אים, ער ענטפערט נישט אווראָהאָם אָווינו אפן הערלעכן
„שאָלעם אליכעם", און — געפירט צום בעזדן שעל מײַלע — זאָגט ער אים
קיין „גוט־מאָרגן" נישט...

אויסער זיך איז ער פאר שרעק!

און זײַן שרעק איז נאָך גרעסער געוואָרן, אז ער האָט, נישט ווילנדיק,
דערזען די פּאָדלאָגע פון בעזדן שעל מײַלע. סאמע אלאבאסטער מיט בריו־
ליאנטן! „אף אזא פּאָדלאָגע שטייען מײַנע פיס!" — ער ווערט אינגאנצן
פארשטאַרט! „ווער ווייסט וועלכן גוויר, וועלכן ראַוו, וועלכן צאדיק מען מיינט...
ער וועט קומען — וועט זײַן מײַן פינצטערער סאָף!"

---

*) קאָפ האקעלאָ.

פאר שרעק האָט ער אפילע נישט געהערט, ווי דער פרעזעס האָט בעפייר־רעש אויסגערופן: „די דיעלע פון באַנציע שווייג!" און, דערלאַנגענדיק דעם מייליץ יזשער די אקטן, געזאָגט: „לעז, נאָר בעקיצער!"

מיט באַנציע'ן דרייט זיך דער גאַנצער סאַלאָן. עס רוישט אים אין די אויערן. אין'ם גערויש הערט ער דאָך אַלע מאָל שארפער און שארפער דעם סאַלאַב־מייליצס זים קאָל ווי א פידל:

— זיין נאָמען — הערט ער — האָט אים געפּאַסט ווי צום א שלאַנק לייב א קלייד פון אַן ארטיסט א שנײַדערס האַנט.

— וואָס רעדט ער? — פרעגט זיך באַנציע, און ער הערט ווי אַן אומגעדולד קאָל האַקט אים איבער און זאָגט:

— נאָר אַן מעשאָלים!

— ער האָט זיך קיינמאָל — הייבט ווייטער אַן דער מייליץ יווישער — אַפּ קיינעם נישט געקלאָגט, נישט אַפּ גאָט, נישט אַפּ לייט; אין זיין אויג האָט קיינמאָל נישט אופגעפלאַמט קיין פונק פון האַס, ער האָט עס קיינמאָל נישט אופגעהויבן מיט א פרעטענזיע צום הימל.

באַנציע פארשטייט ווייטער נישט א וואָרט, און דאָס האַרטע קאָל שלאָגט ווייטער איבער:

— אַן רעטאָריק!

— איעוו האָט נישט אויסגעהאַלטן. ער איז אומגליקלעכער געוועזן — —

— פאקטן, טרוקענע פאקטן! רופט נאָך אומגעדולדיקער דער פרעזעס.

— ער האָט אַלץ געשוויגן (פירט ווייטער דער מייליץ יווישער), אפילע ווען די מוטער איז אים געשטאָרבן און ער האָט צו דרייצן יאָר א שטיפמאַמע באַקומען... א שטיפמאַמע א שלאַנג, א מאַרשאַס...

— מיינט מען דאָך עפּשער פאַרט מיך? טראַכט באַנציע —

— אַן אינסינואַציע*) אַפּ דריטע פערזאָנען, בייזערט זיך דער פרעזעס.

— זי פלעגט איר קאַרגן דעם ביסן... אייערנעכטיק פארשימלט ברויט... האַר־פלאַקס פאַר פלייש... און זי האָט קאַווע מיט שמעטענע געטרונקען —

— צו דער זאַך! שרייט דער פרעזעס.

— זי האָט אים פאַר דאָס קיין נעגל נישט געקאַרגט און זיין ברוין־און־בלוי לייב פלעגט ארויסקוקן דורך אַלע לעכער פון זיינע פארשימלט־צעריסענע קליידער... ווינטער אין די גרעסטע פרעסט האָט ער איר באַרוועס אַפּן הויף האָלץ געהאַקט, און די הענט זיינען צו יונג און צו שוואַך געוועזן, די קלעצלעך צו דיק, די האַק צו שטומפּיק... נישט איינמאָל האָט ער זיך די האַנט פון די געלענקען אויסגעריסן, נישט איינמאָל האָט ער זיך די פיס אַפגעפרוירן, נאָר געשוויגן האָט ער, אפילע זיך פאַרן פאָטער —

---

*) מאַסירעס.

— פֿאַרנ שיקער! לאַכט אַרײַנ דער קאַטיגער, און באַנציענ ווערט קאַלט אינ אַלע אײווורים —

— נישט געקלאָגט, ענדיקט דער מייליץ יושער דעם זאַצ.

און שטענדיק עלנט — פֿירט ער ווײַטער — קיינ כאַווער, — קיינ טאַלמוד־טוירע, קיינ כיידער... קיינ גאַנצ בעגעד... קיינ פֿרײַע מינוט —

— פֿאַקטנ — רופֿט ווײַטער דער פּרעזעס.

ער האָט געשוויגנ אַפֿילע שפּעטער, ווענ דער פֿאָטער האָט'נ, שיקערערהייט אַמאָל אָנגעכאַפּט בײַ די האָר און אינמיטנ אַ שנייענדיקער ווינטער־נאַכט אַרויסגעוואָרפֿנ פֿונ שטוב! ער האָט זיך שטיל אופֿגעהויבנ פֿונ שנײ און איז אַנטלאָפֿנ, וווּ די אויגנ האָבנ אים געטראָגנ...

אַפֿנ גאַנצנ וועג האָט ער געשוויגנ... בײַם גרעסטנ הונגער האָט ער נאָר מיט די אויגנ געבעטלט!

ערשט אינ אַ שווינדלדיקע, נאַסע פֿרילינגס־נאַכט, איז ער אינ אַ גרויסע שטאָט אַרײַנגעקומענ; ער איז אַרײַנ ווי אַ טראָפּנ אינ אַ יאַם און דאָך האָט ער די איינענע נאַכט אינ אַרעסט פֿאַרבראַכט... ער האָט געשוויגנ, נישט געפֿרעגט פֿאַרוואָס, פֿאַר ווענ? ער איז אַרויס און די שווערסטע אַרבעט געזוכט! נאָר ער האָט געשוויגנ!

שווערער פֿאַר דער אַרבעט איז געווענ זי צו געפֿינענ — ער האָט געשוויגנ!

באָרנדיק זיך אינ קאַלטנ שוויס, צוזאַמענגעדריקט אונטער דער שווער־סטער לאַסט, בײַם גרעסטנ קראַמפּ אינ ליידיקנ מאָגנ — האָט ער געשוויגנ!

באַשפּריצט פֿונ פֿרעמדער בלאָטע, באַשפּיגנ פֿונ פֿרעמדע מײַלער, געיאָגט פֿונ טראָטואַרנ מיט דער שווערסטער לאַסט אַראָפּ אינ גאַסנ צווישנ דראָזשקעס, קאַרעטנ און טראַמווייס, קוקנדיק יעדע מינוט דעם טויט אינ די אויגנ אַרײַנ — האָט ער געשוויגנ!

ער האָט קיינמאָל נישט איבערגערעכנט, וויפֿיל פֿוד לאַסט עס קומט אויס אַפֿ אַ גראָשנ, וויפֿיל מאָל ער איז געפֿאַלנ בײַ יעדנ גאַנג פֿאַר אַ דרײַער, וויפֿיל מאָל ער האָט שיִער נישט די נעשאָמע אויסגעשפּיגנ, מאָנענדיק זײַנ פֿאַרדינסט; ער האָט נישט גערעכנט, נישט ז ײַ נ, נישט י ע נ ע מ ס מאַזל, נאָר געשוויגנ!

זײַנ איינגנ פֿאַרדינסט האָט ער אויכ נישט הויכ געמאָנט! ווי אַ בעטלער האָט ער זיך בײַ דער טיר געשטעלט, און אינ די אויגנ האָט זיך אַ הינטישע באַקאָשע געמאָלט! „קום שפּעטער” און ער איז פֿאַרשווונדנ שטיל ווי אַ שאָטנ, קעדיי שפּעטער נאָכ שטילער אויסצובעטלענ זײַנ פֿאַרדינסט!

ער האָט אַפֿילע געשוויגנ, ווענ מענ פֿלעגט אים אָפּרײַסנ פֿונ זײַנ פֿאַרדינסט אָדער אַרײַנוואַרפֿנ אַ פֿאַלשע מאַטבייע!...

ער האָט אַלצ געשוויגנ...

— מיינט מענ דאָכ טאַקע מיכ! טרייסט זיכ באָנציע.

— איינמאָל — פירט ווײַטער דער מיליציאַנער נאָך אַ טרונק־וואַסער — איז אין זײַן לעבן אַן ענדערונג געשען... עס איז דורכגעפֿלויגן אַ קאַטש אויף גומענע רעדער מיט צעפּלאַשעטע פערד... דער שמײַסער איז שוין לאַנג פֿונ־ וויַטנס געלעגן מיט אַ צעשפּאָלטענעם קאָפּ אַפֿן ברוק... פֿון די דערשראָקענע פערדס מײַלער שפּריצט דער שוים, פֿון אונטער די פּאָדקאָוועס יאָגן זיך פֿונקען, די אויגן בלישטשען ווי ברענענדיקע שטורקאַצן אין אַ פֿינסטערער נאַכט — און אין קאַטש זיצט נישט טויט נישט לעבעדיק אַ מענטש!

און באַנציע האָט די פערד פאַרהאַלטן!

און דער גראַטעוועטער איז געווען אַ ייִד אַ באַל־צדאָקע און האָט באַנציען די טוווע נישט פאַרגעסן!

ער האָט אים דעמאָלט געהאַרגעטנס בײַטש איבערגעגעבן; באַנציע איז אַ שמײַסער געוואָרן!

און באַנציע האָט אַ ל ץ געשוויגן!

— מ י ך מיינט מען, מיך! באַפעסטיקט זיך באַנציע אין דער דייע, און האָט דאָך נישט די האָזע אַן אויג צו וואַרפֿן אַפֿן בעוזדן שעל מײַלע"...

ער הערט זיך ווײַטער אײַן צום מאַלאַך מיליץ:

— ער האָט געשוויגן אַפּילע, ווען זײַן באַלטויווע האָט אין קורצן באַנ־ קראָטירט און אים זײַן לוין נישט באַצאָלט...

ער האָט געשוויגן אַפּילע, ווען דאָס ווײַב איז פֿון אים אַנטלאָפֿן און איבערגעלאָזט אים אַ קינד פֿון דער ברוסט...

ער האָט געשוויגן אַפּילע מיט פֿופֿצן יאָר שפּעטער, ווען דאָס קינד איז אויפֿגעוואַקסן און געגוג שטאַרק געווען — באַנציען אַרויסגעוואָרפֿן פֿון שטוב...

— מיך מיינט מען, מיך! פֿרייט זיך באַנציע.

— ער האָט אַפּילע געשוויגן — הייבט אָן ווייכער און טרויעריקער דער מאַלאַך מיליץ — ווען דער איינענער באַלטויווע האָט זיך מיט אַלע אויסגע־ גלײַכט נאָר אים קיין גראָשן סבירעס נישט צוריקגעגעבן — און אַפּילע דעמאָלט, ווען ער איז באַנציען (ווײַטער פֿאָרנדיק אַף אַ קאַטש מיט גומענע רעדער און פערד ווי ־לייבן) איבערגעפֿאָרן...

ער האָט אַלץ געשוויגן! ער האָט אַפּילע דער פּאָליציי נישט געזאָגט, ווער עס האָט אים צורעכט געמאַכט...

ער האָט געשוויגן אַפּילע אין שפּיטאָל, וווּ מען מעג שוין ש ר ײַ ע ן!

ער האָט געשוויגן אַפּילע, ווען דער דאָקטאָר האָט אָן פֿופֿצן קאָפּיקעס נישט געוואָלט־צוגיין צו זײַן בעט, און דער וועכטער, אָן פֿינף קאָפּ. — טוישן אים די וועש!

ער האָט געשוויגן באַם גויסעסן — ער האָט געשוויגן באַם שטאַרבן...

קיין וואָרט קעגן גאָט, קיין וואָרט קעגן לײַט! —
— דיקסי!

באַנציע הייבט אָן ווײַטער צו ציטערן אפן גאַנצן לײַב. ער ווייסט, אַז נאָכן מײליץ יוישער גייט דער קאַטייגער! וועד ווייסט, וואָס דער וועט זאָגן! באַנציע אַליין האָט זײַן לעבן נישט געדענקט. נאָך אף יענער וועלט האָט ער יעדע מינוט די פריערדיקע פאַרגעסן... דער מאַלאַך־מײליץ האָט אים אַלץ דערמאָנט... וועד ווייסט, וואָס דער קאַטייגער וועט אים דערמאָנען!

— ראַבויסײַ! הייבט אָן א שאַרפ־שטעכנדיק־ברײַענדיק קאָל — נאָר ער האַקט אָפּ —

— ראַבויסײַ, הייבט ער נאָכאַמאָל אָן, נאָך ווייכער און האַקט ווײַטער אָפּ. ענדלעך הערט זיך, פון דעם אייגענעם האַלדז אַרויס, קימאַט א ווייך קאָל:

— ראַבויסײַ! ע ר האָט געשוויגן! וועל איך אויך שווײַגן!

עס ווערט שטיל — און פון פאָרנט הערט זיך א נײַע ווייכע ציטערדיקע שטימע:

— באַנציע, מײַן קינד באַנציע! רופט אים ווי א האַרפע... מײַן האַרציק קינד באַנציע!

אין באַנציעס צעוויינט זיך דאָס האַרץ... ער וואָלט שוין אַצונד די אויגן געעפנט, נאָר זיי זײַנען פאַרפינצטערט פון טרערן... עס איז אים אַזוי זיס־וויינענדיק קיינמאָל נישט געוועזן... „מײַן קינד", „מײַן באַנציע" — זײַט די מוטער איז געשטאָרבן, האָט ער אַזאַ קאָל און אַזוינע ווערטער נישט געהערט.

— מײַן קינד! פירט ווײַטער דער אָור־בעוזדן — דו האָסט אַלץ געליטן און געשוויגן! עס איז נישטאָ קיין גאַנץ גליד, קיין גאַנץ ביינדל אין דײַן לײַב אָן א וווּנד, אָן א בלוטיק אָרט, עס איז נישטאָ קיין איין באַהאַלטן אָרט אין דײַן נעשאָמע, ווו עס זאָל נישט בלוטן... און דו האָסט אַלץ געשוויגן...

דאָרט האָט מען זיך נישט פאַרשטאַנען דערויף! דו אַליין האָסט גאָר עפשער נישט געוווּסט, אַז דו קענסט שרײַען און, אַז פון דײַן געשריי קענען יעריכוים מויערן ציטערן און אײַנפאַלן? דו אַליין האָסט פון דײַן פאַרשלאָפענעם מויאַך נישט געוווּסט...

אף יענער וועלט האָט מען דײַן שווײַגן נישט באַלוינט, נאָר דאָרט איז דער א ו י ל אָ ם ה א ש ע ק ע ר, דאָ אפן א ו י ל אָ ם ה אָ ע מ ע ס וועסטו דײַן לוין באַקומען!

דיך וועט דאָס בעוזדן שעל מײַלע נישט מישפּעטן, דיר וועט עס נישט פּאַסקענען.

דיר וועט עס קיין כיילעק נישט אויס־און נישט אָפּטיילן: נעם דיר וואָס דו ווילסט! א ל ע ס איז דײַן!

באַנציע הייבט דאָס ערשטע מאָל די אויגן אוף! ער ווערט ווי פאַר־

בלענדט פון דער ליכט פון אלע זייטן! אלעם בלאנקט, אלעם בלישטשעט, פון אלעם יאגן שטראלן: פון די ווענט, פון די קוילים, פון די מאלאכים, פון די דייאנים! סאמע ענגלען!

ער לאזט די מידע אויגן אראפ!

— טאקע? פרעגט ער מעסופעק און פארשעמט.

— זיכער! ענטפערט פעסט דער אור־בעזדן! זיכער, זאג איך דיר, אז אלעם איז דיינס. אלעם אין הימל געהער צו דיר! קלייב און נעם, וואס דו ווילסט, דו נעמסט נאר בא ד י ר אליין!

— טאקע? פרעגט באנציע נאכאמאל, נאר שוין מיט א זיכערן קאל.

— טאקע! טאקע! טאקע! ענטפערט מען אים אפ זיכער פון אלע זייטן.

— נו, אויב אזוי — שמייכלט באנציע — וויל איך טאקע אלע טאג אינדערפרי א הייסע בולקע מיט פרישע פוטער!

דייאנים און מאלאכים האבן אראפגעלאזט די קעפ פארשעמט; דער קאטייגער האט זיך צעלאכט.

בא דער פרעמדער כופע־קלייד.

(א סצענע פון װארשעװער לעבן).

אין א מאדע־מאגאזין.

פערזאנען: מאדיסטקעס און האנט־מוידלעך.

די ערשטע מאדיסטקע:

אפ יענער זייט יאם איז געשטאנען אמאל
אפ הינערשע פיסלעך א הייזל אין טאל,
געשטאנען זיך איינפאך, אן אזעם, אן שטאלץ,
אן פוצאכץ, אן צירונג — פון ליים און פון האלץ!
א פענצטער — א פיצלם, נאר כענעוודיק האלד!
די זון זי באשיט עס טאג־טעגלעך מיט גאלד!
לעוואנע און שטערן
פארהאלטן זיך גערן
און מאלן מיט זילבער די שויבן.
דאס האט דער הימל די ליבע באלוינט:
עס האבן אין הייזל צוויי ברידער געוווינט!
עס האלטן צוויי הערצער צוזאמען געטריי.
שווער איז די ארבעט, נאר ס׳ארבעט זיך פריי!

ווײַס איז דאָס מעבל, מיט קלײַנע דאָס ברויט,
נאָר אַלץ איז צוזאַמען — די פרייד און די נויט!
עס האָט זיך געלעבט,
די צײַט האָט געוועבט
איר לאַנגן, איר קאָשערן פֿאָדים!

נאָר איינמאָל באַוויַיזט זיך אַ גאַסט אַף דער שוועל,
פֿול גינגאָלד, שמאַראַגדן, עס פֿינקלט זײַן פֿעל!
די שלאַנג איז געקומען מיט גלאַנץ און מיט פּראַכט;
דער עלטערער ברודער דערזעט זי און טראַכט:
עס איז אַף דער וועלט דאָך ריַיכטום באַראַן!
ווען איך האָב אַ שמאַראַגד, איך, אָרעמער מאַן,
כ׳פֿאַרקויף אים, וואָס ניט?
כ׳וואָלט אַפֿן יאַריד
געקויפֿט מיר צו מעלקן אַ קו!

די שלאַנגיײ — זיי ווייסן, וואָס ס׳טראַכט זיך בײַ לײַט;
זי ווינקט איִם און רופֿט אים אַוועק אין אַ זײַט
און זאָגט אים: „איַי, ברודער, וואָלסטו נאָר געוואָלט,
שיטסטו דיר אָן פֿעסער פֿול גאָלד,
קרעלן, דיאַמאַנטן, בריליאַנטן אַ וועלט
און אַלץ, וואָס מען קען נאָר באַקומען פֿאַר געלט!"
איך מאַך נישט קיין שפּאָט:
זאַראַנג אַזאַ סאָד,
איך קאָן אים דיר זאָגן אין וואַלד!

די שלאַנג איז אַוועק, און דער יינגערער קלערט:
זי גאָט האָט זיך יעדן זײַן שיינקייט באַשערט;
יי פֿרעגן: דער גלאַנץ און די שיינקייט וואָס טויג?
די ליַידנשאַפֿט פֿלאַמט שוין אין עלטערנס אויג:
קרעלן, דיאַמאַנטן, בריליאַנטן — אַך, גאָט!
זי זאָל נאָר נישט נאַרן און זאָגן דעם סאָד!

קוקט ער צום וואַלד,
און גאַנוועט זיך באַלד
פֿון ב ר ו ד ע ר אַרויס צו דער ש ל אַ נ ג!

די זון גייט שוין אונטער, פֿאַרגאָלדט נאָך די זוים
פֿון וואָלקן אין הימל; און אונטער אַ בוים
זיצן שוין ביידע — דער מענטש און די שלאַנג;
זיי זיצן צוזאַמען און שמועסן שוין לאַנג.

ער ציטערט און ווייסט נישט — פאר פרייד צי פאר שרעק?
זי וויקלט דאָס האַרץ אים אַרום מיטן עק
און רעדט פון דיִאַמאַנטן,
קרעלן, בריליאַנטן:
„אַלץ וועסטו האָבן נאָר גרינג!"

„באַטראַכט נאָר דײַן ברודער: דאָס איז אַ פֿאַבריק
פון קרעלן, בריליאַנטן, דיִאַמאַנטן און גליק!
עס טרעפֿט זיך, ער אַרבעט, און וווּנדערלעך הייס
ווערט אים, דער שטערן באַדעקט זיך מיט שווייס,
עס טריפֿן די טראָפּן!... ער ווישט מיט דער האַנט;
לאָז נישט! דער טראָפּן דאָס איז אַ דיִאַמאַנט!
נאָר אַרבעטן הייס!
קלײַב אויף דעם שווייס,
שיטסטו אָן פֿעסער דיִאַמאַנטן!"

עס טרעפֿט, און אים פֿאַלט פון די ברעמען אַ טרער;
מיינסטו, דו נאַר, עס איז וואַסער נישט מער,
און טרייסטן און האַלדזן; דו האַלטסט עס נישט אויס,
און קושט אים די טרערן פֿון ד'אויגן אַרויס!
פֿאַרשווענדסט דײַן פֿאַרמעגן, דו, נאַרישער קאָפּ!
לאָז וויינען, לאָז טריפֿן! און קלײַב יעדן טראָפּ!
אַ טרער, האָב פֿאַרשטאַנד,
דאָס איז אַ בריליאַנט, —
„רײַך וועסטו זײַן ווי אַ קיניג!"

„דערנאָך — האָט דײַן ברודער אַן איידעלע פֿעל,
אַ שטאָך מיט אַ נאָדל — דו האָסט שוין אַ קרעל!
בלוט — זאָגסטו — איז עס, בלוט — זאָגסטו — אַ קאַפּ?
דו נאַר! עס איז קרעלן, דו צאַפּ נאָר און צאַפּ!
זאָל ער נאָר בלוטן און בלוטן נישט קאַרגן!
אָנשיטן וועסטו שוין קרעלן אַ באַרג!
דו האָסט אַ פֿאַבריק,
און מאַך דיר דײַן גליק,
ביסט שטאַרקער און ווייסט שוין דעם סאָד!

די ליפּן פֿאַרביסן, די פֿויסטן געבאַלט,
גייט שוין דער עלטערער ברודער פֿון וואַלד;
די אויגן זיי ברענען און זוימען זיך שוואַרץ,
דאָך צאַפּלט די ליבע צום ברודער אין האַרץ;
ער טרייסט זיך: „איך וועל דאָך נאָר מאַכן אַ פּרוּוו,

א שטאָב וועל איך געבן א קליינעם, נישט טיף;
מײַן ברודער? איך ווײס!
נאָר טרערן און שווײס
זײַנען בריליאַנטן, בריליאַנטן!"

עס הערט די לעוואָנע נאָך ד'אייגענע נאַכט,
ווי ס'האָט אינעם שטיבל געוויינט און געלאַכט.
עס קוקן די שטערן אין פענצטער אַרײַן:
ווי לאַכט עס א ברודער באַם ברודערס געוויין?!
די זון האָט צומאָרגנס געוואונדערט זיך שטאַרק:
ווי שלאָגט עס א ברודער דעם צווייטן אין קאַרק?
עס וואונדערט צוגלײַך
דעם וואַלד און דעם טײַך:
וואָס איז עס אין שטיבל געשען?

און עס איז געקומען אַף בײדע גאָטס שטראָף!
דאָס גליק איז פאַרשוואונדן, עס ווײַכט זיי דער שלאָף,
אוועק איז די ליבע, דער פרידן אוועק! —
דער שלאָפט ניט פאַר ווייטיק, דער צווייטער — פאַר שרעק:
דער שרײַט: ס'איז מײַן אשירעס, מײַן רײַכטום, מײַן גוט;
און יענער: ס'איז טרערן, מײַן שווײס און מײַן בלוט!
אַלע
נאָר וואָס איז געוועזן
דער סאָף פון דער זאַך?
דער סאָף פון דער שרעקלעכער מײַסע
די ערשטע מאָדיסטקע:
אוי, ס'איז געוועזן א שרעקלעכע נאַכט
שטענדיק געקלערט
און קיינמאָל געהערט
דעם סאָף פון דער שרעקלעכער מײַסע!

דאָס שטרײַמל.

זײַנ בין איך א קירזשנער, נאָר דער איקער — א שטרײַמל־מאַכער. עמעס איז אז דאָס ראָוו פּאַרנאָסע האָב איך פון פאַרשע סיערמענגעס און טרענער פעלצלעך.

עס פאַלט אויך אמאָל אַרײַן לייב־מילנער מיטן שאָפּן־פעלץ...

עמעס איז, אז א שטרײַמל טרעפט זיך זעלטן, זייער זעלטן; דען — ווער טראָגט הײַנט א שטרײַמל? א ראָוו! און א שטרײַמל לעבט אים שטענדיק איבער...

אויב איז עמעס, אז ווען עס טרעפט זיך שוין א שטרײַמל, מאַך איך עס

אומזיסט, אָדער האַלב אומזיסט. לעבאַל־האַפּאַכעס — ליג איך מײַנע אַרבעט צו. דאָס אַלעס בין איך מוידע, און דאָך בין איך דער איקער אַ שטרײַמל־מאַכער, ווײַל אַ שטרײַמל האָב איך ליב צו מאַכן!

אַז עס קומט מיר אײַן די הענט אַרײַן, איז אַף דער עלטער — פּיל איך ערשט, וואָס איך בין און וואָס איך קאָן!

פון וואָס דען — זאָגט אַלײַן — זאָל איך האַנאָע האָבן?

איך פלעג אַמאָל נאַכעס האָבן פון פויערשע סיערמיענגעס...

ערשטנס: פאַרוואָס נישט?

צווייטנס: האָב איך מיר געטראַכט: „דאָס פויערל גיט אונדז ברויט, ער אַרבעט זומער אַזוי שווער און ביטער, און איך קען אים נישט שיצן פאַר דער זון, וועל איך כאָטש ווינטער, ווען ער רוט, אים אָפּהיטן פון קעלט!“

אויב בין איך געוואָר געוואָרן, אַז ערד איז דאָ ווייניק, פויערים אַטאַכ... מען זאָגט: צו־פיל... אַז די „איבעריקע“ פויערים לײַדן הונגער; אַז אפילו פון זעקס מאָרג ערד קען מען אויך נישט לעבן, אַז ווינטער, דעריבער, רוט דאָס פויערל נישט.

עס גייט ערשט אַ „זוואָזקע!“

אַ שיינע רו האָט ער עס ווינטער! גאַנצע טעג און נעכט פירט ער ווייץ אין לייבלס מיל אַרײַן!

וואָס קלערט איר? איך קען אַסאַך נאַכעס האָבן, אַז מײַנע סיערמיענגע, מײַנע פּראַצע, ווערט אַ גאַנצן ווינטער אויסגעווייקט, נאָכקריכנדיק אַ פּאָר פּעגירעשע פערד, וואָס שלעפּן לייבל מילנערס טווּג פאַר 13 גראָשן פער זאַק, באַר 5 מײַל וועגס!

פיש! און וואָס האָב איך פאַר אַ נאַכעס פון אַ טרעגער־פּעלצל?

אַ גאַנצן ווינטער טראָגט עס זעק מיט מעל אין לייבל מילנערס מיל אַרײַן און אַ גאַנצן זומער ליגט עס פאַרזעצט אין שענק פאַר כאַי גראָשן.

עלול צײַט, אַז מען ברענגט עס מיר אויפצורירכטן, ווער איך נאָך שיקער פון רייאַב פון שלעכטע בראָנפן.

און אַז לייבל מילנערס שאָפּן־פּעלץ, ביכווידע אַזוועאַצמע, פאַלט מיר אין די הענט אַרײַן, ווי מיינט איר, האָב איך נאַכעס.

עס איז טאַקע אַ שאָפּן־פּעלץ, עס איז טאַקע אַ קאָוועד, מען האָט טאַקע דערפאַר דערעב־ערעץ אין שטעטל; נאָר מיר קומט דערפון קיין גוטס נישט אַרויס.

איך האָב אַ מיעסע טעווע געקריגן: איבער וואָס איך זע, האָב איך ליב צו קלערן: פ ו נ ו ו אַ נ ע ן עס קומט? פ אַ ר ו ו אָ ס עס איז אַזוי? צי קען נישט אַ נ ד ע ר ש זײַן? און אַזוי ווי איך קריג לייבל מילנערס פּעלץ אין דער האַנט אַרײַן, הייב איך אָן צו קלערן:

ריבוינוי שעל אוילאָם! נאָך וואָס האָסטו באַשאַפן אַזויפיל מינים פּעלצן?

פארוואָס האָט איינער אַ שאָפּן־פּעלץ, דער צווייטער אַ טרענגער־פּעלצל און דער דריטער אַ סיערמיענגע און דער פערטער גאָרנישט?

און קוים הייב איך אָן קלערן, פאַרטראַכט איך מיך, די נאָדל בלײַבט שטיין, און האָזשע האַצנוע מאַראַס מיריאַם טיכיע וואַרפט מיר, וואָס עס קומט איר אונטער דער האַנט, אין קאָפּ אַרײַן...

זי וויל גלײַך מיט אַלע, אַז „בערל קאַלבאַס" זאָל וויניקער קלערן און מער אַרבעטן...

נאָר וואָס זאָל איך טאָן, אַז איך מוז קלערן! אַז איך ווייס פאָרט, אַז לייבל מילנער לאָזט זיך נישט פּרוּװן איבערשטרײַכן דעם שאָפּן־פּעלץ, ביז ער רײַסט נישט אָפּ אַ גראָשן פון זאַק דער סיערמיענגע, און דעם איינעם גראָשן פּער פּוד דעם פּעלצל...

נו, זאָל איך פון דעם נאַכעס האָבן?

עס איז מיר מיאוס פאַרן לעבן! איר לאַכט? און דאָך, אַז איך האָב נישט קיין שטרײַמל, איז מיר אַלעס נימעס אומאָגס! ווערן וואָס? אַפּ וואָס אַרבעט איך? אַלץ דעם שטיק בוימער אָנצולייגן! און מיט וואָס? מיט ברויט און מיט קאַרטאָפל, ברויט אָן קאַרטאָפל און גאַנץ אָפּט נאָך מיט קאַרטאָפל אָן ברוים, קעדײַ?

גלויבט מיר, אַז אַ מענטש אַרבעט פופציק יאָר און עסט פופציק יאָר טאָג־טעגלעך קאַרטאָפל, מוז אים נימעס אומאָגס ווערן דאָס לעבן! מוז אים דאָך אַמאָל אײַנפאַלן — זיך, אָדער לייבל מילנער, אַ מײַסע צו טאָן! און אויב איך עס ווײַטער רויק מײַנע קאַרטאָפל און אַרבעט ווײַטער, האָב איך עס נאָר דעם שטרײַמל צו פאַרדאַנקען!

אַז איך קריג אַ שטרײַמל אין דער האַנט אַרײַן, ווערט מיר אופגעפרישט דאָס בלוט אין די אָדערן! ווייס איך נאָך וואָס איך לעב!

. . . .

מאַכנדיק דאָס שטרײַמל, פיל איך, אַז איך האַלט אַ פויגל אין דער האַנט, און אָט וועל איך זי עפענען, וועט דער פויגל אַרופפליִען הויך, הויך, קוים מיטן אויג צו דערזען!

און איך וועל שטיין און קוקן און קוועלן: דאָס איז מײַן פויגל, איך האָב געמאַכט, איך האָב אים אַרופגעשלאָגן אינדערהויך!

אין שטאָט, באָרוך האַשעם, האָב איך קיין דייע נישט, צו קיין אַסיפע רופט מען מיך נישט, אַלײַן גיין, בין איך קיין שנײַדער נישט, איך קום נישט קימאַט אַרויס אין גאַס אַרײַן! איך האָב קיין שטאָט נישט, נישט אין שול, נישט אין בייס־האַמעדרעש, נישט בײַ אַ מיניען! איך האָב אָפּ גאָרנישט, אין ערגעץ נישט צו שאַפן... אינדערהיים איז מאַראַס מיריאַם די רײַטערקע! איידער איך פּרוּוו עפענען דאָס מויל צו ריידן אַ וואָרט, באַהאָגלט זי מיך שוין מיט

קלאָלעס! זי ווייסט שוין, וואָס איך וויל זאָגן, וואָס „בערל קאַלבאַס" מיינט, און עס קאַכט!

נו, וואָס בין איך? א נאַרנישט! און־דאָך, לאָז איך אמאָל ארויס א שטריימל אף קאָהאָל — בוינט זיך קאָהאָל אין דרייען!

איך זיץ אינדערהיים און שוויַג, און מיַן שטריימל שאָקלט זיך אויבן־אָן אויף א כאַסענע, אויף א סודאָס מיצווע... עס הוידעט זיך איבערן גאַנצן אוילעם בא דער קאַלפּי, בא א דין־טוירע!

און אז איך דערמאָן מיך אין דער נדולע, וואַקסט מיר טאַקע דאָס הארץ...

* * *

קעננאיבער מיר וווינט א שמוקלער... איך בין אים אָסער נישט מעקאַנע!

זאָל זיַנער אַן עפּאָלעט, אָדער א שליפע, זאָגן אָפּ א י י ן אָקס „טרייפע"!

און אויפן צ ו ו י י ט ן „קאָשער!" אדעראַבע לאָמיר זען! און אז מיַן שטריימל זאָגט אָפּ פיר אָקסן דורכאַנאַנד: „טרייפע!" ווערט דער קאַצעוו אַ ו י ס ג ע־ר י ס ן, די העקער־יונגען באַהאַלטן די ציין אין בייטל, דאָס גאַנצע שטעטל האָט ניַיע „ניַין טעג", א גאַנצע סאָטניע קאָזאַקן קריגט פאַר זעקס גראָשן א פונט פלייש, און פאַרפאַלן! עס רעדט קיינער נישט א וואָרט!

אָט, דאָס הייסט א גוווּרע!

איך געדענק דען נישט?! פאַראיאָרן איז געווען א פּגירע אף שאָפ.

עפּעס, זאָגט מען, מאַכן די שעפּעלעך אזוינע מאָדנע האקאָפּעס, ביז זיי פאַרדרייען די קעפּלעך און פאַלן אנידער טויט! איך בין נישט געווען דערביַי; „האקאָפּעס" איז „האקאָפּעס", נאָר מינהאַסטאַמ האָט שוין יענקל קאַצעוו געהאַט וואָלוול שאָפּן־פלייש!

דער וועטערינאַר איז געקומען און געזאָגט: טרייפע! מען הערט אים ווי די קאַץ!

ער האָט אראָפּגעבראַכט פירערליי עפּאָלעטן, א פּאָר שליפעס! מען האָט זיי אלע אוועקגעגאַנוועט דאָס פלייש פון אונטער די הענט, און נאָך אפּן דריטן טאָג האָט דאָס גאַנצע שטעטל געהאַט וואָלוול קאָשער־פלייש אף וועטשערע!

בא מיַן שטריימל גאַנוועט מען נישט! עס דאַרף קיין שליפּעס, קיין עפּאָ־לעטן נישט. ער אליין רירט זיך אויך נישט פון אָרט! און קאָלוּמאַן מיַן שטריימל זאָגט נישט: עס! עפּנט זיך אין שטעטל קיין מויל נישט אוף!

איר מיינט עפּשער, אז די גוווּרע שטעקט אין דעם, וואָס איז א ו נ ט ע ר שטריימל? אָסער כאַזער!

איר ווייסט עפּשער נישט, וואָס דערונטער איז?

איך באַרעכ־האַשעם, וויים!

די בריָע איז, באַרעכ־האַשעם, פריָער אין נאָכ א קלענער שטעטל א מעלאַמעד געוועזן, און מײַן טאַטע, אַלאָוו האַשאָלעם, איידער ער האָט געזען, אַז עס וועט שוין פון מיר קיין ליַיט נישט זײַן, האָט ער מיכ אַהין געשיקט צו דער בריָע לערנען! עס איז געוועזן ראַכמאָנע ליצלאַנ א שלימ־מאַזל, וואָס די וועלט פאַרמאָגט עס נישט! א ז ע ל ט ע נ ע ר מעלאַמעד.

די באַלעבאַטימ האָבן געזען, אַז ער קען זיכ נישט אָפּ קיין „צורעס מאַטבייע, האָבן זיי אים באַלד אָפּגעריסן א העלפּט סכירעס, און די צווייטע העלפּט געצאָלט מיט אָפּגעריסענע צווייערס פאַר דרײַערס, אָדער מיט בלעבענע פּערציקערס; די רעבעצן האָט געזען, אַז זי וועט מיט אים מיט גוטנ נישט ארויס, פּלעגט זי אים טאָג־טעגלעכ דאָס בערדל אויסצופּן.

און איר האָט איר נישט וואָס פאַריבל צו האָבן!

ערשטנס, האָט געפעלט פּאַרנאָסע; צווייטנס, האָט ער שוין אַזא בערדל געהאַט, וואָס האָט זיכ געבעטן, קימאַט געבאַלעשט, מע זאָל עס צופּן! עס האָט אַזוי באַשײַנפּערלעכ געבעטן, אַז מיר טאַלמידימ האָבן זיכ אויכ נישט געקענט אײַנהאַלטן, און אַלע מאָל האָט זיכ אַנ אַנדערער געמוזט אַראָפּלאָזן אונטערן טיש, צוכאַפּן זיכ צום רעבנס בערדל און אויסרײַסן א האָר!

נו, זאָגט אַליינ! קען אינ אַזא בריָע שטעקן א גוורע?

עפּשער מיינט איר, ער איז מיט דער צײַט אַנדערש געוואָרן?

אָסער כאַזער! עס איז אינ אים קיין שום ענדערונג נישט געשען! די אייגענע קליינע, פּאַרלאָשענע, מיט אייטער פאַרגאָסענע, באַטלאָנישע, שטענדיק דערשראָקענע אויגן...

עמעס, פאַר דאַכקעם איז אים דאָס ערשטע ווײַב געשטאָרבן, נו וואָס איז? מײַ נאַפּקעמינע? צופּט אים די צווייטע דאָס בערדל! ווי באַלד עס בעט זיכ, עס כאַלעשט, מען זאָל עס צופּן, אַז מען קען עס נישט אָפּזאָגן! און איך אַליינ, ווע נ איך זע עס, קומט מיר אויכ דאָס וואַסער אינ מויל אַרײַנ, א צופּ צו טאָן!

נאָר וואָס דען איז געשען? נישט מער נאָר וואָס איך האָב אים א שטרײַמל געמאַכט!...

איך בינ מודע אומיסוואָדע, אַז נישט מײַנ אייצע איז עס געוועזן! מיר וואָלט עס גאָר נישט אײַנגעפאַלנ!

קאָהאָל האָט באַשטעלט און איך האָב געמאַכט; נאָר קוים איז דאָס אייגענע קאָהאָל געוואָר געוואָרן, אַז דאָס שטרײַמל, וואָס זיי האָבן בא מיר באַשטעלט, וואָס איך אָרימער „בערל קאַלבאַס" האָט געמאַכט, קומט צו פאָרן און איז שוין א וויאָרסט אונטער דער שטאָט, איז עס ארויסגעלאָפן מיט א סימכע, מיט א גדולע! קינד־און־קייט איז ארויסגעלאָפן, קראַנקע זײַנען פון די בעטן ארויס! מען האָט אויסגעשפּאַנט די פערד און גאַנצ קאָהאָל האָט זיכ אָפּ איינמאָל געוואָלט אײַנשפּאַנען און שלעפּן מײַנ שטרײַמל; נאָט ווייסט, וואָס פאַר א

מאכלויקעס עס וואָלט דערפון ארויס! וואָס פאר פעטש, וואָס פאר א מסירעס...
זוען נישט וואָס א כאָכעם האָט אנ אייצע געגעבנ: מענ זאָל מאכנ א ליציטאציע!

און לייבל מילנער האָט געגעבנ כײַ מאָל כײַ גילדנ, און ער איז געווענ דאָס ערשטע פערד!

נו, שטעקט נישט א גוודרע אינ מיינ שטרײַמל?

מײַן אישע צנוע רופט מיך (א כוצ בערל קאָלבאָס) נאָך באַלטײַוועניק, אזוּם מעכוצפּעניק, קאָל בויניק, און וואָס דאָס וואָסער ברענגט איר אינ מויל אריינ...

עס איז עמעס, א מענטש איז קיינ כאַזער נישט! איך האָב האנאָע פונ א גלייכווערטל; איך האָב אמאָל ליב לייבל מילנער, א י נ די אויגנ און א ו נ ט ע ר די אויגנ, אריינצוזעצנ א שפּילקע.

נאַר, גלויבט מיר, אז נישט ד אָ ס דערהאַלט מיך באַם לעבנ!

מיך דערהאַלט באַם לעבנ איינ זאַך: איך ווייס, אז איך לאָז איינ מאָל אינ א יויוול ארויס אנ אווידע-זאָרעלע אויפ קאָהאָל, און דער גאנצער אוילעם בוקט זיך צו איר, צו מײַנ מײַסיי יאָדײַ!

ווענ זי קומט אהיים ערעוו שאַבעס און יאָנטעוו פונ יאטקע אָנ פלייש, און שילט דעם קאצעוו — ווייס איך, אז דער קאצעוו איז א מאקע שולדיק, אז מיינ ש ט ר ײַ מ ל לאָזט זי הײַנט קיינ קוגל נישט מאכנ!

איך ווייס, אז ווענ זי נעמט נאָך נאָר א גוטנ טאָפּ און וואַרפט אים ארויס אינ גאס אריינ, אז דאָס האָט נישט זי, נאָר מײַנ שטרײַמל דעם טאָפּ ארויסגעוואָרפנ! אז ווענ זי נעמט און קנײַפּט אוים פונ ראָשטשינע א שטיק טייג און וואַרפט עס אינ פייער אריינ, און הייבט אופ די הענט און פארגלאָצט די אויגנ צום באלקנ, ווייס איך גאנצ גוט, אז דער באַלקנ הייבט דערפונ נאָרנישט אָנ צו וויסנ, — אז דאָס האָט נאָר מײַנ שטרײַמל דאָס שטיקל טייג פארברענט!

* * *

און דערבײַ ווייס איך, אז מײַנ אישע צנוע איז נישט קיינ באַסיעכידע בא קאָהאָל, און קאָהאָל איז נישט קיינ בעניאָכיד בא גאָט: אז קאָהאָל האָט אסאָך אזוינע נאָשים צידקאָניעס, און גאָט באַרעכ-האשעמ האָט אסאָך אזוינע קאָהאָלס, און אז מײַנ שטריימל האָט איבער אלע מיליאָנענ מיליאָסנ נאָשים צידקאָניעס צו שאַפנ!

מיליאָנענ ווײַבער מאכנ נישט קיינ קוגל, מיליאָנענ טעפּ פּלאַצנ אָפּ די שטיינער אינ גאס, און פונ דעם כאָלע-נעמענ וואָלט איך מיך אונטערנעמענ מעפּארנעס צו זײַנ א פאָלק עוויגים!

און ווער טוט דאָס אלעס? אלצ מײַסיי יאָדײַ! אלצ מײַנ שטרײַמל!

די נאַכט־װעכטער

א נאַכט — א מעכײַע, דאָס נעכטל איז טײַער!
נאָר היט אײַכ פאַר פײַער! היט אײַכ פאַר פײַער!
נאָר נישט געקאָכט אונ געזאָטנ!
פאַרשליסט נאָר די פענצטער אונ טירנ אונ טויערנ,
פאַרמאַכט די אויגנ, פאַרשטאָפּט אײַכ די־אויערנ,
אונ כראָפּעט װי גאָט האָט געבאָטנ!

אונ קאָנט איר נישט שלאָפנ, נו, ליגט באָטש בעריט;
אונ הערט זיכ שטיל װי די פלעדערמויז פליט,
װי שטיל אונ האַרציק אונ טײַער!

אונ הערט איר װוּ קוילעס, געשרײען, געלעכטער,
צי קלאָלעס — זײַט רויִק, מיר זײנענ די װעכטער,
אונ היטנ אײַכ אַלע פאַר פײַער!

פאַרשאָלטנ זאָל װערנ, װער עס רירט זיכ אונ גייט,
אונ צינדט אָנ א פײַער, צי רירט די טראָמפּייט,
צום בלאָזנ, צום װעקנ באַנאַכט!

מענ װעט אײַנ געהענעם די לײַבער זײ דרעשנ,
אונ דאָ װעלנ מיר לעשנ אונ לעשנ, אונ לעשנ.
געטרײַ װעלנ מיר דינענ דער נאַכט!

שלאָפט אײַכ! מיר דאַװנענ בעטנ אונ קניִען
פאַר גאָט! דער ריבוינוי שעל אוילעם זאָל ציִענ
א װאָלקנ א שװערנ, װי בלײַ

איבער אײַכ אַלע! אָ, גאָט װעט אונדז הערנ,
ער װעט נאָכ פאַרלעשנ לעװאָנע אונ שטערנ
אונ דעמלט — װי עטעמט זיכ פרײַ!

אונ מיר װעלנ רופנ נאָכ פעסטער, געטרײַער:
היט אײַכ פאַר פײַער, היט אײַכ פאַר פײַער!
שאַ, קיינ גערויש, קיינ געלעכטער!

קיינ ליכטל אינ מויאַכ, קיינ פלעמל אינ האַרצ!
פרום זאָל זײַנ! רויִק אונ טויטלעכ, אונ שװאַרצ!
מיר זײַנענ, מיר זײַנענ די װעכטער!

די פרומע קאצ.

דריי זינג־פייגעלעכ זיינענ געווענ אינ איינ שטוב אונ אלע דריי, איינס נאכנ צווייטנ — האט די קאצ צורעכט געמאכט...

עס איז קיינ איינפאכע קאצ נישט געווענ, נאר אנ עמעס, עמעס פרומע נעשאמע, וואס האט נישט אומזיסט געטראגנ די ווייסע גוט־יידישע יופע אונ געהאט איינגעלעכ, אינ וועלכע דער הימל האט זיכ אפגעשפיגלט...

עס איז א פרומע קאצ, א טווילע־קאצ געווענ! 10 מאל אינ טאג האט זי זיכ געוואשנ... אונ געגעסנ האט זי שטיל, ערגעצ אינ א זייט, אינ א ווינ־קעלע...

א גאנצנ טאג האט זי געכאפט וואס עס איז מילכיקס, אונ ערשט, אז די נאכט איז צוגעפאלנ, האט זי געגעסנ פלייש, קאשער מייזנ־פלייש...

אונ נישט געיילט זיכ צו דער אכילע, ווי א גראבע זאכ. נישט געכאפט אונ נעשלונגענ ווי פרעסער כוענ; נאר ביסלעכווייז, שפילנדיק... זאל דאס מייזל לעבנ נאכ א רעגע, נאכ א רעגע... זאל עס א ביסל ארומטאנצנ, אפציטערנ, ווידע זאגנ — א פרומע קאצ כאפט נישט...

אז מענ האט אינ שטוב ארייננ דעמ ערשטנ זינג־פויגל געברענגט האט זי אפ איכ באלד ראכמאנעס באקומענ; עס האט זי באמ הארצ אנגעכאפט.

— א א שיינס, — זיפצט זי, — אזא קליינס, אזא מעכאיעדיק פייגעלע זאל קיינ אוילעמ האבע נישט האבנ!

— אונ עס קענ קיינ אוילעמ האבע נישט האבנ! — איז זיכער די קאצ — ערשכנכ וואשט זיכ עס דייטשעריש, מיטנ גאנצנ לייב אינ שיסעלע וואסער...

צווייטנס, אז מענ האט עס איינגעזעצט אינ שטייג, איז עס שוינ א כייע ראע, כאטש־א יונג, זיס אונ פיינ זינג־פייגעלע... האלט עס שוינ מער פונ דינאמיט ווי פונ שולכנ־ארוכ!

היינט דאס זינגענ אליינ! דאס אויסגעלאסענע זינגענ, דאס צופייפנ אונ דאס קוקנ גלייכ אנ א שומ דערעכ־ערעצ אינ הימל ארייננ! דאס רייסנ זיכ ארויס פונ שטייג צו דער זינדיקער וועלט, צו דער פרייער לופט, צומ אפענעמ פענצטער...

צי איז נאָך אַמאָל אַ קאַץ אין אַ שטיוג געזעסן? צי האָט נאָך אַמאָל אַ פרומע קאַץ אַזוי געפּיפּן?

— און אַ שאָד! — וויינט דאָס פרישע האַרץ אין דער פרומער קאַץ, — עס איז דאָך אַ לעבעדיקע זאַך, אַ טייערע נעשאָמע, אַ פונק פון דער הויך!

דער קאַץ קומען טרערן אין די אויגן:

— און דאָס גאַנצע אומגליק איז, וואָס דער זינדיקער גוף איז אַזוי שיין, דער אוילעם האַזע דעריבער — אַזוי לוסטיק, דער יעיצער האָרע אַזוי שטאַרק...

ווי קען אַזאַ קליין זיס פייגעלע זיך אַקעגנשטעלן דעם שרעקלעכן גרויסן יעיצער האָרע?

און וואָס מער עס לעבט, מער זינדיקט עס. גרעסער וועט זיין די שטראָף...

האַ!

און אַ הייליק פייער האָט זיך אָנגעצונדן אין דער קאַץ, דאָס פייער פון פּינכעס בען עלאָזאָר, בען אַרן האַקויען... און זי איז אַרופגעשפּרונגען אויפן טיש, וווּ די שטייג מיטן זינג־פייגעלע איז געשטאַנען, און —

עס פליִען שוין פעדערן אין צימער...

— —

מען האָט די קאַץ געשלאָגן... [illegible] נעמט זי אָן פאַר ליב... [illegible] האָט פרום אָפּגעקרעכצט, אָפּגעמיאַוקעט [illegible] עבן אַל כעט...

מער וועט זי שוין נישט זינדיקן...

די קלוגע קאַץ פאַרשטייט, פאַר וואָס מען האָט זי געשלאָגן... מער וועט [illegible] זי אָפּ קיין שלעג נישט פאַרדינען...

— מען האָט זי געשלאָגן — פאַרשטייט די קאַץ — דערפאַר ווייל זי [illegible] פאַרפעדערט די שטוב; ווייל אויפן ווייסן געשטיקטן טישטעך זיינען [illegible] פלעקן פון בלוט...

אַזאַ פּסאַק מוז מען מעקייעם זיין גוט, שטיל און פרום, עס זאָל [illegible] פעדער ניט פליִען, קיין טראָפּן בלוט נישט פאַלן...

און — אַז מען האָט דעם צווייטן זינג־פויגל [illegible] געקויפט און אין שטוב געלאָזט, האָט זי אים שוין שטיל און פיין דערוואָרגן און מיט די פעדערן צוזאַמען איינגעשלונגען...

— —

מען האָט די קאַץ געשמיסן...

אַציגד האָט ערשט די קאַץ פאַרש[illegible] וועגן פעדערן [illegible] נישט וועגן פלעקן פון בלוט אויפן טישטעך

דער סאָד איז, אַז מען טאָר נישט [illegible] מען דאַרף [illegible] מויכל זיין... אַז נישט מיט אַרבע מ[illegible] [illegible]באַסערט מען די [illegible] וועלט!

מעג דארפ ארופירג אפג נומג וועג, מוסער זאגג, צום הארצ דריגג!
א קאנארעק באל־טשווע קעג קומעג צו אזא מאדריינע, צו וועלכער די
פרומסטע קאצ וועט נישט דערגרייכג!
אונ די קאצ דערפילט, ווי עס וואקסט אינ איר דאס הארצ פאר פרייד!
אוים אלטע, שלעכטע אונ הארטע צייטג! אוים בלוט פארגיסג!
ראכמאנעס, ראכמאנעס, אונ נאכ אמאל ראכמאנעס...

אונ מיט ראכמאנעס איז זי צוגעגאנגענ צום דריטג קאנארעק!
— שרעק דיכ נישט — מאכט זי, מיט דער ווייכסטער שטימע, וואס איז אמאל ארוים פונ א קאציקג האלדז, — זינדיק ביסטו, נאר איכ וועל דיר קיינ שלעכטס נישט טאג, ווייל איכ האב ראכמאנעס אפ דיר!
איכ וועל דיר אפילע די שטייג נישט עפענעג, איכ וועל דיכ אפילע נישט אנרירג!
דו ישווייגסט? זייער גוט! איידער פרעכע לידער צו זינגעג איז גלייכער שווייגג!
דו צאפלסט — נאכ בעסער! צאפל, צאפל, מיינ קינד, נאר נישט פאר מיר, פארג בוירע אוילעמ צאפל, פאר זיינ ליבג נאמעג!
האלעווי זאלסטו שוינ אזוי בלייבג — שטיל, ריינ אונ צאפלדיק...
איכ וועל דיר, העלפג צאפלעג! פונ מיינ פרומע נעשאמע וועל איכ הויכג אפ דיר שטילקייט, זיסקייט אונ פרומקייט... מיט מיינ הויכ זאל אריינ עמונע אינ דיינ לייב, יוראס שאמאים אינ דיינע ביינדעלעכ, טשווע אונ כאראטע אינ דיינ הערצעלע!
אונ די קאצ פילט ערשט, ווי גוט עס איז מויכל צו זיינ, ווי א פרייד עס איז יענעמ אריינצובלאזג מיטג הויכ פרומקייט אונ ערלעכקייט...
אונ עס וואקסט דאס פרימסטע הארצ אינ דער פרימסטער ווייסער קאצ —
נאר דער קאנארעק קעג אינ דער קאצנ־לופט נישט עטעמעג —
עס האט אימ דערשטיקט!

מיינ נישט...

מיינ נישט, די וועלט איז א קרעטשמע — באשאפג
מאכג א וועג מיט פויסטג אונ נעגל
צום שענק־פאס, אונ פרעסג אונ זויפג, וועג אנדערע
קוקג פונ וויטג מיט גלעזערנע אויגג
פארכאלעשט, אונ שלינגעג דאס שפייעכצ אונ ציִעג
צוזאמעג דעמ מאגג, וואס ווארפט זיכ אינ קראמפג!
א, מיינ נישט, די וועלט איז א קרעטשמע!

מיין נישט, די וועלט איז א בערזע — באשאפן,
דער שטארקער זאָל האנדלען מיט מידע און שוואכע,
זאָל קויפן בא אָרעמע מיידלעך די בושע,
בא פרויען די מילך פון די ברוסטן, בא מענער
דעם מארך פון די ביינער, בא קינדער דעם שמייכל,
דעם זעלטענעם גאסט אפן וואקסענעם פּאָנעם — —
אָ, מיין נישט, די וועלט איז א בערזע!

מיין נישט, די וועלט איז העפקער — באשאפן
פאר וועלף און פאר פוקסן, פאר רויב און פאר שווינדל;
דער הימל — א פּאָרהאנג, אז גאָט זאָל נישט זען!
דער נעפּל — מען זאָל אפ די הענט דיר נישט קוקן;
דער ווינט — צו פארשטיקן די ווילדע געשרייען;
די ערד איז צו זאפן דאָס בלוט פון קאָרבּאָנעס —
אָ, מיין נישט, די וועלט איז א העפקער!

די וועלט איז קיין קרעטשמע, קיין בערזע, קיין העפקער!
געמאָסטן ווערט אלעס, געוווויגן ווערט אלעס!
קיין טרער און קיין בלוטיקער טראָפּן פארגייען,
אומזיסט ווערט קיין פונק און קיין אויג נישט פארלאָשן!
פון טרערן ווערן טייכן, ווערן יאמים,
פון יאמים — א מאבּל, פון פונקען — א דונער —
אָ, מיין נישט, לעם דין וועלעם דייען!

ניסימ אפנ יאמ.

אינ דער מעדינע האָלאנד, אינ א האלב איינגעזונקענע הײַזל באַם ברעג פונ יאמ, האָט געוווינט אויכ א שטומע נעשאָמע — א יידישער פישער מיטנ נאָמענ „סאטיע". עפשער נאָכ אנ עלטער־זיידנ סעאדיע; נאָר פונ דעמ האָט ער נישט געוווּסט, ער האָט ביכלאל זייער ווייניק געוווּסט פונ יידישקײַט. פונ אָוועס אוווּיסאָוו א פישער, פארברענגט טעג אונ יאָרנ אפנ יאמ, געלעבט — איינ איינ־ציקע יידישע מישפּאָכע צווישנ נישט יידנ, וואָס זאָל ער וויסנ? סאטיע כאפט פיש, דאָס ווײַב זײַנס שטריקט נעצנ אונ פירט די שטוב, די קליינע קינדערלעכ וואלגערנ זיכ אינ זאמד אונ זוכנ בורשטינ... אונ אז סאטיע גייט אפנ יאמ אונ עס מאכט זיכ א שטורעמ־ווינט, עס ווערט סאקאָנעסנעפּאָשעס, האָט — נישט ער אפנ יאמ, נישט דאָס הויזגעזינד אינ שטוב, נישט געקאָנט אפילע קיינ שמא יִסראָעל מיספּאלעל זײַנ... האָט סאטיע געקוקט שטומ אינ הימל ארײַנ; דאָס ווײַב זײַנס שלאָגט זיכ אינ קאָפּ ארײַנ, אָדער שלײַדערט נאָכ עפשער א בייזנ בליק צומ בייזנ, פינצטערנ הימל ארופ, אונ די קינדער ווארפנ זיכ אפנ זאמד אונ רופט גלײַכ מיט אנדערע קינדער: סאנטא מאריא, סאנטא מאריא!

אונ פונ וואנענ האָבנ זיי געזאָלט וויסנ מער? צופוס גיינ אינ קעהילע ארײַנ — איז ווײַט, פאָרנ האָט די אָרעמע פאמיליע, וואָס האָט קוימ פארנאָסע געהאט, נישט געקאָנט, אונ א כוצ דעמ, לאָזט דער יאמ נישט אוועק. סאטיעס פאָטער, סאטיעס זיידע אונ עלטער־זיידע זײַנענ אומגעקומענ אפנ יאמ, נאָר אזא קויאכ האָט ער שוינ, דער יאמ: ער איז דעמ מענטשנס געפערלעכסטער סוינע, אונ גאנצ אָפּט א פאלשער סוינע, אונ — ליב האָט מענ אימ, אונ ציִענ ווערט מענ צוגעצויגנ צו אימ ווי מיט צוואנגענ... אונ מענ קאָנ זיכ פונ אימ נישט אָפּרײַסנ, ווײַל מענ לעבנ אפ אימ אונ אונטערגיינ אינ אימ...

נאָר איינ יידישער מינהעג איז אינ דער מישפּאָכע געבליבנ — יוימ־קיפּער! ערעוו יוימ־קיפּער אינדערפרי האָט מענ אויסגעקליבנ דעמ גרעסטנ פיש, אונ די גאנצע מישפּאָכע איז געגאנגענ מיטנ פיש אינ שטאָט ארײַנ, אונ אָפּגעגעבנ האָט מענ דעמ פיש דעמ קאָהעלשנ שויכעט, בא וועלכנ מענ פלעגט פארפאסטנ אונ עסנ נאָכנ טאָגעס.

איבערן מעס־לעס פלעגט די מישפּאָכע זיצן אין האָלענדישן מאָקעם קאָדעש, צוהערן זיך ווי דער כאָר זינגט, ווי דער אָרגעל שפּילט, ווי דער כאזן זאָגט אָפּ זײַן אויפן און שטייגער... פארשטאנען א וואָרט האָט מען נ י ש ט. געקוקט האָט מען נאָר צום אָרן־קוידעש, צום פּריידיקער אין דער גאָלדענער יארמולקע. האָט זיך די גאָלדענע יארמולקע אופגעהויבן, האָט מען זיך אויך אופגעשטעלט; האָט זיך די גאָלדענע יארמולקע אראָפּגעלאָזט, האָט מען זיך צוריק געזעצט. טייל מאָל פלעגט סאטיע פאר מידקײט אײַנדרעמלען, האָט אים א שאָכן מיט אן עלנבויגן צום אופשטיין געוועקט...

אָט דאָס איז געווען דער גאַנצער יוים־קיפּער. אז עס איז א יוים האַדינ, אז א פיש אין וואסער ציטערט, און וואָס אין הימל טוט זיך, — פון דעם האָט סאטיע נישט געוווּסט. עס איז בא אים א מינהעג געווען, יוים־קיפּעו צו הערן כאָר און אָרגעל א ו מ ג ע נ ע ס נ, און אז נאָך „נילע" (ער האָט אפילע נישט געוווּסט, אז עס הייסט „נילע") גייט מען צום שויכעט אפּ וועטשערע... אסאך מער האָט דער שויכעט אליין עפשער אויך נישט געוווּסט — האָלאנד!

און באלד נאָכן שווארצן קאפע, פלעגט סאטיע מיטן ווײַב און מיט די קינדערלעך זיך אופהייבן, געזעגענען זיך מיטן שויכעט און זײַן הויזגעזינד און אָגווינטשעווען זיך, און אוועקגיין און וואנדערן א גאנצע נאכט צום יאם. נישט „אהיים" פלעגט מען זאָגן, נאָר — „צום יאם".

און אופהאלטן לאָזט מען זיך ניט.

— סטײטש, — טײַנעט דער שויכעט מיט דער שויכעטקע: — איר האָט דאָך אפילע די שטאָט נישט געזען.

פארקרימט זיך סאטיע:

— די שטאָט!

קיין באַל־דאבערן איז סאטיע נישט: דער יאם לערנט שווייגן. נאָר די שטאָט האָט ער פײַנט. ענג, אָן לופט און אָן הימל. א פּאסיקל צווישן דאך און דאך... אפן יאם אָבער — א ראכוועס... עס עטעמט זיך...

— עס איז דאָך אײַער סוינע... אײַער טויט! — טײַנעט מען צו אים.

— אָבער א גוטער טויט!

ער וויל האָבן זײַן פאָטערס און זײַן זיידנס סאָף — אײַנגעשלונגען ווערן בעזונטערהייט פון יאם, נישט קרענקען און גויסעסן א צײַט לאַנג אפּ א בעט... הערן ווי מען וויינט... און דערנאָך באגראָבן ווערן... אין דער הארטער ערד... בררר!

קאלט ווערט אים, אז ער דערמאָנט זיך פון אזא קווורע... — — —

און מען גייט צופוס אהיים, צום יאם...

און אז מען גייט צופוס איבער נאכט, און עס הייבט אָן גרויען דער טאָג, און מען דערזעט דעם גאָלדענעם אָפּגלאַנץ פון זאמדיקן ברעג, און דערנאָך בליצט־אופּ דער שפּיגל פון יאם, דערפרייט מען זיך, פאטשט מען מיט די הענט...

א כאָסן מיט א קאַלע פּרייט זיך נישט אזוי....

און אזוי גייט עס פון יאָר צו יאָר...

עס בײַט זיך דער פישער, זעלטענער — דער שויכעט; מינהעג בלײַבט מינהעג.

און דער מינהעג איז א סכומי האקוילעל פון פאסטן, כאָר און אָרגעל, אויסגעמישט מיטן גרויסן פיש צו דער וועטשערע נאָך נילע באַם שויכעט, מיטן געזעגענען און אָנווינטשן זיך...

דאָס אַלץ צוזאַמען איז דער איינציקער פּאָדעם, וואָס בינט־צו סאַטיען צום קלאַל־ייִסראָעל...

ווײַהי־האַיוים, איינמאָל פאַרטאָג, קוים געריטלט האָט זיך דער מיזרעך, שטיל וועקט זיך אויף דער יאַם, קוים ער עטעמט, קוים עס הערט זיך זײַן ברומען, ער ציט זיך פויל און נאָך פאַרכאָלעמט אויס, און ציט זיך אײַן... ווו־נישט־ווו פלאַטערט אין דער בלאָער לופט א ווײַסע פּאָר פליגל, שרײַט־אויף און אָפּ... און ווייטער שטיל... שטילע גלאַנצן פליען איבערן יאַם, גאָלדענע פלעקן גליטשן זיך איבערן געלן זאַמד, פאַרמאַכט זײַנען די פישער־שטיבלעך איבערן ברעג, נאָר איין טיר סקריפּעט, — סאַטיע גייט אַרויס...

ערעוו יוים־קיפּער איז הײַנט. פרום און ערנסט איז זײַן פּאָנעם, שטיל לויכטן אים די אויגן: ער גייט טאָן א מיצווע, כאַפּן א פיש אַף יוים־קיפּער!

און ער גייט צום שיפל צו און נעמט אָן די קייט, מיט וועלכער עס איז געווען צוגעבונדן צום באָרט. די קייט קלינגט, און קוילעס דערהערן זיך רעכטס און לינקס:

— ניטע, ניטע!

דאָס רופן צו אים די שכיינים, וואָס האָבן אַרויסגעשטעקט די קעפּ פון די קליינע פענצטערלעך.

רויק און שטיל ליגט ווייט און ברייט אויסגעגאָסן דער יאַם, צוזאַמענגעגאָסן מיטן זוים פון פריש־מאָרגנדיק לאַכנדיקן, פריילעכן הימל... קוים ער עטעמט, דער יאַם, קוים ער רונצלט זיך באַם ברעג, און ווי בײַ א גוטער באָבן, טאַנצן ליכטיק־גלאַנצנדיקע שמייכלען צווישן די רונצלען... און עפּעס מורמלט ער, א באָבע־מייסע דערציילט דער יאַם די צעוואָרפענע, מיט לאַנגע וואַסער־פלאַנצן, ווי מיט האָר באַוואַקסענע שטיקער פעלזן, און ער גלעט זיי איבער די האָר שמייכלענדיק, שפּילנדיק — דער פישער אָבער קען בעסער דעם יאַם, און ער גלויבט אים נישט.

— ניטע...

דער יאַם ווינט זיך און וועט זיך צעוויגן, אין פלאַצן וועט דער ליכטיקער שפּיגל, און פון שפּיל וועט ווערן אַן ערנסט, פון שטילן ברומען — געשריי און געפּילדער, און פון רונצלען וועלן אויפשטיין וואַלן, וואָס וועלן שלינגען שיפלעך

און שיפֿן, ווי קלײנע פֿישלעך דער ליוויאַסן...

— נײטע...

און אַ בּאַרוועסער אַלטער־מאַן, מיט אַ פּלאַטערדיקן גרויען קאָפּ אָן אַ היטל, מיט אַן אײַנגעשרופּטן פּנים, ווי דער יאַם, נאָר אָן זײַן פֿאַלשן, זיסן שמייכל — קומט אַרויס פֿון אַ שטיבל, גייט צו סאַטיען צו און לייגט אים אַרויף די האַנט אויפֿן אַקסל:

— זע!

און ער ווײַזט אים אַ קלײן שוואַרץ פּינטעלע, וואָס נאָר אַ פֿישער־אויג קאָן דערזען, אויפֿן זוים פֿון הימל.

— פֿון דעם וואַקסט אַרויס אַ וואָלקן...

— כ׳וועל פֿריִער צוריק אינדערהיים זײַן, — ענטפֿערט סאַטיע: — אײן פֿיש וויל איך נאָר כאַפּן.

און ערנסטער ווערט דאָס פּנים בײַ זײַן אַלטן שאָכן:

— האָסט ווײַב און קינד, סאַטיע!

— און אַ גאָט אין הימל! — ענטפֿערט סאַטיע מיט בּיטאָכן: ער גייט זײַן מיצווע טאָן... און ער שטופּט אָפּ דאָס שיפֿל און שפּרינגט אַרײַן...

און לײַכט ווי אַ פֿעדער טראָגט זיך סאַטיעס שיפֿל איבּערן יאַם, און דער יאַם וויגט עס אַרום. זיס־בּרומענדיק, אַזוי ליבּלעך, און זוימט עס און וויקלט עס אַרום מיט די שענסטע פּערל, וואָס ער פֿאַרמאָגט — און דער אַלטער פֿישער שטייט אויפֿן בּרעג און מורמלט:

— סאַנטאַ מאַריאַ, סאַנטאַ מאַריאַ!

———

לײַכט טראָגט זיך סאַטיעס שיפֿל איבּערן יאַם — געשיקט וואַרפֿט סאַטיע אַראָפּ זײַן נעץ, און שווער און שווערער ווערט די נעץ, און מיט אַלע קויכעס ציט ער זי קוים־קוים אַרויס און געפֿינט אין איר וואַסער־פֿלאַנצן, יאַם־שטערן, — נאָר נישט קײן אײנציקן פֿיש...

דער אַלטער פֿישער אויפֿן בּרעג האָט דאָס שיפֿל שוין פֿאַרלוירן פֿון אויג. סאַטיע ציט שוין צום דריטן מאָל און צום פֿירטן מאָל אַרויס די נעץ: נישט לײַכט איז זי אַרויסצוציִען, אַלערליי וואַסער־פֿלאַנצן האָבּן זיך אין אירע אויגן פֿאַרפֿלאָכטן — נאָר קײן אײנציקער פֿיש...

און דער יאַם וויגט און צעוויגט זיך וואָס אַמאָל שטאַרקער, און אויפֿן הימל איז שוין אַראָפּגעשוווּמען די זון, נאָר פֿײַכט איז איר גלאַנץ — אַ פֿאַרוויינטע זון; און דאָס שוואַרצע פּינטעלע אין עק הימל האָט זיך אויסגעצויגן אונטער־ווײַלעכץ אונטער דער זון, ווי אַ בּרוינע שלאַנג, און ווערט טונקעלער און טונקע־לער, און רוקט זיך צו דער זון...

עס איז שוין האַלבּער טאָג, און סאַטיע שווימט און שווימט, פּרוּווט און פּרוּווט דאָס מאָל —

— גאָט, טראַכט ער, ווײַל נישט, איך זאָל דאָס יאָר מעקײַעם זײַן די מיצווע, מען מוז צוריק! און טרויעריק ווערט אים אפּן האַרצן: ער האָט געמוזט עפּעס זינדיקן קעגן גאָט, וועלכער באַווייליקט נישט הײַ־יאָר זײַן קאָרבן. און ער נעמט דעם רודער פעסט אין דער האַנט אַרײַן און ווײַל שוין אויסדרייען דאָס שיפל צוריק. נאָר אין דער זעלבער רגע באַקומט ער אַ שפּריץ אין פּאָנעם אַרײַן, און ער דרייט זיך אויס און דערזעט, ווי אַ גרויסער גאָלדענער פיש וואַרפט זיך, שפּילנדיק, איבערן יאַם און שפּריצט מיטן ווײַדל איבערן וואַסער.

ע! דעם פיש מוז ער כאַפּן, דעם פיש האָט אים גאָט באַשערט, גאָט, וואָס האָט זײַן אַגמעס־נעפעש געזען, זײַן בענקען, מעקײַעם צו זײַן די מיצווע. — און ער דרייט צוריק אויס, און יאָגט נאָך דעם פיש...

און דער יאַם איז שוין צעוויגט, כוואַליעס הייבן זיך העכער און העכער... אַ האַלבע זון איז שוין מיט אַ וואָלקן באַדעקט, בונטע ווײַסע שטראַלן רײַסן זיך קוועער אַהער פון אונטערן וואָלקן, און דער פיש שווימט איבער די פּלייצעס פון די כוואַליעס, און סאַטיע שיפּל נאָך, נאָך... און פאַרשווינדן ווערט פּלוצלונג דער פיש, צווישן אים און סטאַיעס שיפל הייבט זיך אוף אַ וואַל, אופגעבלאָזן, אופגעיאָגט פון ווינט...

— עס נאַרט מיך, עס בלענדט מיר די אויגן! — טראַכט סאַטיע און ווײַל ווײַטער אויסדרייען דאָס שיפל און שווימען צוריק. אין דער זעלבער רגע לייגט זיך אָבער די כוואַליע, ווי זי וואָלט מיטאַמאָל אײַנגעזונקען געוואָרן; קימאַט צום שיפל צו שווימט צו דער פיש און קוקט אַף אים מיט גרויסע אויגן, גלײַך ער בעט זיך: נעם מיך, נעם מיך... זײַ מעקײַעם מיט מיר די מיצווע, זײַ מיך מעזאַקע מיט איר...

דרייט סאַטיע צוריק אויס, — פאַרלוירן ווערט דער פיש! אַ נײַע כוואַליע שווימט אַף צווישן אים און דעם שיפל, און עס הייבט זיך ווידער אָן דער „יִרגעזון" פון יאַם! נישט קיין ליבלעך לידל זינגט ער, דער יאַם, ער קאַעסט זיך: אַ האָזע, אַצינד אַף אים צו שווימען! אַף זײַנע כוואַליעס צו טרעטן! און גלײַך זי וואָלט זיך פאַרן יאַם דערשראָקן, באַהאַלט זיך אונטערן וואָלקן די זון... אַף דעם, זעט אויס, האָט נאָר געוואַרט דער ווינט — ער איז באַפרײַט געוואָרן, און צעיאָגט זיך מיט אַן אויסגעלאַסענעם צאָרן, און ער שמײַסט, און פּאַטשט ווי מיט ריטער, און רייצט נאָך מער אַף דעם יאַם, און דער יאַם ברויזט און קנאַקט, גלײַך טויזנטער באַסן שפּילן אין זײַנע נעדערעם, קעסל־פּויקן — אין זײַנע כוואַ־ליעס...

— אַהיים, אַהיים! — קלאַפּט בא סאַטיען דאָס האַרץ, און ער נעמט צוזאַמען די נעצן אין שיפל אַרײַן, און כאַפּט שטאַרקער אָן דעם רודער, און אַרבעט מיט אַלע קרעפטן. די אָדערן אין דער האַנט ווילן פּלאַצן. ווי אַ הוילע גום וואַרפט זיך דאָס שיפל אוף און אָפּ איבער די כוואַליעס, פאַרשוואַרצט איז דער הימל, ברוין־צאָרניק דער צעבראָכענער יאַם — און ער אַרבעט אַלץ — אַהיים, אַהיים...

פלוצלונג דערזעט ער, עפּעס שווימט צו אים פון דער זײַט — אַ מענטש־לעבער קערפּער שווימט, אַ דערטרונקענער — אַ פרוי איז עס — פאַר איר שווי־מען די האָר, שוואַרצע האָר — זײַן ווײַב האָט אַזוינע האָר . . . פון אונטער די האָר באַווײַזן זיך ווײַסע הענט — זײַן ווײַב האָט אַזוינע הענט . . . און אַ קאָל רופט: ראַטעוועו! — זײַן ווײַבס קאָל . . . די מוטער פון זײַנע קינדער . . . זי האָט אים געמוזט נאָכשווימען אַפן צווייטן שיפל. זי טרינקט זיך, זי רופט נאָך זײַן הילף . . .

און ער דרייט דאָס שיפל אויס רעכטס און וויל צו צום קערפּער, — דער יאַם לאָזט נישט! כוואַליעס הייבן זיך אין דער מיט, דער שטורעם רײַסט און וואָיעט— נאָר אין דעם שטורעם הערט ער איר קאָל: העלף! העלף! סאַטיע, העלף! . . . .

און ער שטרענגט אָן די לעצטע קרעפטן צוצושווימען, און אָט איז ער שוין נישט ווײַט פון ווײַסן פלעק; די האָר זעט ער שוין נישט, נאָר דאָס שווימענדיקע, זינקענדיקע קלייד . . . מיטן רודער צו דערלאַנגען . . . נאָר אין דער מיט, צווישן אים און זײַן ווײַב, הייבט זיך אויף אַ וואַל, שטויסט זי אָפּ אין אַיין זײַט, דאָס שיפל — אין דער צווייטער — — — —

— אַ פאַרבלענדעניש! — טראַכט ער, זיך דערמאָנענדיק, אַז דאָסזעלבע האָט ער געהאַט מיטן גאָלדענעם פיש; און נישט ווילנדיק וואַרפט ער אַן אויג צום ברעג, זעט ער, ווי עס לײַכט זיך שוין אין די פישער־הײַזלעך די פענצטער!

— יום־קיפּער! — דערמאָנט ער זיך, און לאָזט פּלוצלונג אַרויס דעם רודער פון דער האַנט.

— טו מיט מיר, — שרײַט ער צום הימל אַרויף, — וואָס דו ווילסט, יום־קיפּער רודער איך נישט!

און דער ווינט רײַסט, אין קאָפּ־האַקעלאַ וואַרפן די כוואַליעס דאָס שיפל; און סאַטיע, ווי ער האָט אַרויסגעלאָזט דעם רודער פון דער האַנט, אַזוי זיצט ער רויק, און קוקט מיט אָפענע אויגן אַמאָל צום פאַרשלאָסענעם הימל אַרויף, אַמאָל צום קאָכנדיק־שוימענדיקן יאַם אַראָפּ.

— טו מיט מיר, גאָט, וואָס דו ווילסט! זאָל דײַן ראָצן געשען . . .

פּלוצים דערמאָנט ער זיך אַ ניגון פון כאָר, אונטערגעהאַלטן פון אָרגעל, און ער הייבט אָן נאָכצוזינגען דעם ניגון. די ראָזיקע שטומע נעשאָמע האָט נאָר דאָס איינציקע לאָשן צו ריידן מיט גאָט — און ער זינגט. דער הימל ווערט שוואַרצער און שוואַרצער, די כוואַליעס הייבן זיך העכער און העכער, שאַרפער נאָך בלאָזט דער ווינט . . . דאָס שיפל וואַרפט זיך באַרג־אויף, באַרג־אָפּ, איין כוואַליע וואַרפט עס צו דער צווייטער . . . איינע רײַסט אים אַרויס און שלײַדערט אים אַוועק דעם רודער, אַ צווייטע קומט אָן פון הינטן און יאָגט זיך נאָכן שיפל מיט אַן אָפן מויל . . . דער ווינט רײַסט ווי טויזנטער וועלף — און אין דעם גערודער אַרײַן זינגט סאַטיע דעם ניגון פון „מי יאָנואָכ אומי יאָנוא" . . . ווי דער כאָר, אונטערגעהאַלטן פון אָרגעל . . .

די כוואַליע שלאָגט אין שיפֿל אַרײַן. סאַטיע וויל שטאַרבן זינגענדיק, נאָר דאָס שיפֿל קערט זיך איבער... אָבער סאַטיען איז נאָך דער טויט נישט באַשערט...

צוויי ווײַסע געשטאַלטן, ווי פֿון נעפּל געוועבטע, גייען, האַלטנדיק זיך בײַ די הענט, באַרוועס, מיט צעפֿלאָסענע האָר און לײַכטנדיקע אויגן, איבערן יאַם, און ווי סאַטיע דרייט זיך איבער מיטן שיפֿל, קומען זיי צו, הייבן אים אויף, נעמען אים צווישן זיך, און גייען מיט אים אונטער די אָרעם, און טרעטן מיט אים איבער די כוואַליעס, ווי איבער בייטן און בערגלעך, און פֿירן אים אַזוי געאָרעמט צווישן ווינט און געטומל. ער קוקט און וויל ריידן, עפּעס פֿרעגן וויל ער — נאָר זיי זאָגן אים:

— זינג בעסער, סאַטיע, זינג! דײַן געזאַנג וועט גרינגער זײַן דעם צאָרן פֿון יאַם...

זיי גייען מיט אים, און סאַטיע הערט, ווי דאָס שיפֿל זײַנס גייט אים נאָך... ער דרייט זיך אום — דאָס שיפֿל מיט דער נעץ, און אין דער נעץ איז פֿאַרוויקלט דער גאָלדענער פֿיש...

און אַז זיי האָבן אים צוגעפֿירט צום ברעג און געלאָזט אים אַהיים, האָט ער געטראָפֿן בײַ זיך דעם שויבעט מיט דער שויבעטקע...

אין שטאָט איז אַ פֿרייד געווען, זײַנען זיי געקומען צו אים צו גאַסט... האָט מען געקוילעט דעם פֿיש, און — מינהעג איז געבליבן מינהעג....

באַם גוי׳ס צו קאָפּנס.

דער שאַמעש פֿון גאַניידן — אַ ליכטיקער מאַלאַך — אַן אָפּגלאַנץ פֿון זײַן ליבן נאָמענס שטראַלנדיקער גענאַד, קומט אײַן מאָל פֿאַרנאַכט פֿון גאַניידן אַרויס און עפֿנט, צערודערט און פֿאַרזאָרגט, אַ פֿענצטערל פֿון הימל, בויגט אַרויס דעם שטראַלנדיקן קאָפּ און וועגדט זיך מיט אַ טרויעריקער, ציטערדיקער שטימע צו דער אונטערגייענדיקער זון און פֿרעגט:

— ווייסטו נישט, זון, וואָס בײַ לייבל קאָנסקיוואָלער טוט זיך?

די זון שווײַגט; זי ווייסט נישט.

נאָך אומרויִקער ציט דער מאַלאַך זײַן שטראַלנדיקן קאָפּ צוריק.

און נישט אומזיסט איז אומרויִק דער מאַלאַך.

שוין מיקאָמע וועקאָמע יאָרן רווישן צוויי מאָל אין טאָג אַלע זיבן הימלען מיט לייבל קאָנסקיוואָלערס „שמאַ יִסראָעל"...

ווי אַ זילבערנער שרויט צעשיט זיך זײַן „עכאָאָאָד" צופֿוסנס באַם קיסיי האַקאָווויד... און עס קאָלערט זיך דער „עכאָד" און זומט, און ברומט, און

זידט, ווי א מאכנע זומער־פייגלעב, וואָס גלוסט און בענקט צו דער פלאַם, ווערט צונעצווינג צו איר און ברוט זיך און ברענט אין איר, מיטן גרעסטב מיינעג פון „יסורים שעל אהאווא‟, — יסורים פון ליבע...

דאָס לעצטע מאָל האָט ער אים צו שאכרים געהערט.

צו מינכע האָט ער שוין געפעלט!

אין געבעט און לויב־געזאנג פון אלע וועלטן איז דעריבער א פעגימע נעוועג...

אין אָרקעסטער איז פלוצלונג שטיל געוואָרן א קיילי; א סטרונע בא אנ ערשטער פידל האָט געפלאַצט און איז פארשטומט געוואָרן.

צי האָט לייבל קאָנסקיוואָלער פארגעסן צו דאַוונען מינכע?

וועט ער זאָגן צוויי שמונע־עסריים בא מעריוו?

נידעריקער לאָזט זיך דערוויל אראָפּ די זון. די שטיל באַהאַלטענע שאָטנס קריכן רעשוס, ארויסצוקומען פון זייערע באַהעלטענישן, — און זיי קריכן ארויס פון די שפאַלטן אין די פעלזן בא יאַמים, פון גריבער און הייל אין וויסטע מידבאַריעס, פון אונטער ביימער און צווישן צווייגן און בלעטער אין די טיפסטע וועלדער... און זיי פארשפרייטן זיך איבערן יישעוו און פלעכטן זיך ארום און ארום...

און אָט איז אראָפּ די זון אינגאנצן. לעוואָנע און שטערן בלאַנקען שטיל־שוויינגדיק אוף און נעמען איבער די מעמשאָלע איבער דער וועלט אַפּ איבער נאכט... און זיי שפינען און וועבן זייער פארקישעפט שפינוועבס — א זילבער־דינע נעץ איבער דער פארמאַטערטער ערד...

און גלייך מיט דער זון איז איבערן הימל פארזונקען געוואָרן די כאיע מיט דער אופשריפט „עמעס‟ אפן שטערן, און צוזאַמען מיט דער לעוואָנע איז ארויסגעשוווּמען פון דער צווייטער זייט די כאיע מיט דער זילבערנער טרעסט אפן שטערן און מיט דער אופשריפט „עמונע‟...

און באלד עפענען זיך שטיל ־ שוויינגדיק די טויערן פון הימל, און לאָזן ארויין גאַנצע מאַכנעס נעשאָמעס פון איינגעשלאָפענע מענטשן, וואָס קומען נאכט אַפּ נאכט ארופ און פארשרייבן אין די הייליקע ביכער, ווי אזוי עס האָט זיך אָפּגעלעבט דער טאָג...

און עס סקריפּען די פעדערן, און עס רוישען מיליאָנען — מיליאָנען פליגל, שטיל ווייסע ווי שניי, ס׳ראָוו גרויע און פארפלעקטע, מאַנכע אויך רויט פאַר־בלוטיקטע...

און אלע זיבן הימלען ווערן פול מיט א געמישט גערויש פון געבעט, כאַרטעס, בענקעניש, ליבשאַפט, האָפענונג א.נ שרעק... און פלוצלונג בלייבט אלץ ווי פארשטאַרט.

ארום קיסיי האַקאָוועד וויקלט זיך שטיל א זילבערנער נעפּל, וויקלט זיך און וויקלט זיך און ווערט טונקעלער און טונקעלער...

און פון אונטערן נעפל הערט זיך א ברומען ווי פון א טויב:

„ווי איז מיר, וואָס איך האָב כאָרעוו געמאכט מײַן הויז ...
„וואָס איך האָב פאַרבּרענט מײַן פּאַלאַץ . . .
„וואָס איך האָב פאַרטריבּן מײַן זון, מײַן איינציקן זון‟...

און א שוידער פון ראַכמאָנעס גייט דורך אַלע זיבּן הימלען ...

און עס ווערט ווײַטער שטיל, אַלץ האָט זײַן אָטעם פאַרהאַלטן, וואַרטנדיק ווי אַף א נעס, אַף עפּעס א וווּנדער, אַף א בּסורע א נײַע...

עס איז אָבּער גאָרנישט געשען ...

עס דערהערט זיך פון אונטן א קאָל : עס קרייט דער האָן.

פון קיסיי האַקאָוועד גייט אָפּ דער נעפּל, דער פּאַרקישעפּטער שוידער פּלאַצט און צערינט . . . עס עפענען זיך ווייטער די פענצטער פון הימל, די נעשאָמעס פליִען צוריק ארויס . . . מאַלאָכים מיט בּריליאַנטענע פלעדערווישן יאָגן ארויס די פאַרשפּעטיקטע, די פאַרציטערטע, פאַרוויינטע און טיפ דערשראָקענע...

עס דויערט נישט לאַנג, און מען הערט ווי מען קלאַפּט אונטן צו בּצאָס ...

באַלד הייבּט אָן בּלאָזן און בּלאָזער צו ווערן דער צייכן „עמונע‟ אַף דער זילבּערנער טרעסט. א דינער, רויטלעכער שטראַל וועקט זיך פון מיזראַכ זײַט...

דער נאַניידן־שאַמעש וועקט זיך ווי פון א טיפן כאָלעם, גייט צו און עפנט נאָכאַמאָל א פענצטערל אין הימל, בויגט ארויס דעם קאָפּ און רופט, פרעגנדיק :

— לעוואָנע און שטערן, אײַדער איר פאַרשווינדט, צי קענט איר מיר נישט זאָגן, וואָס עס האָט מיט לייבּל קאָנסקיוואָלער פּאַסירט ?

און דעמאָלט האָט זיך נאָלדן־צעפּלאַקערט א קליין שטערנדל פון ווײַטן, איז צוגעשווומען צום פענצטערל און האָט געענטפערט :

— איך ווייס, ליכטיקער מאַלאַכ !

איך בין דורכן קאָנסקיוואָלע געשווומען און האָב אין זײַן פענצטערל ארײַנגעקוקט ... ער שטאַרבּט, לייבּל קאָנסקיוואָלער ... אַן אַלטער מאַן ... זײַן ווײַסע בּאָרד איבּער דער קאָלדרע בּלאַנקט ווי רייַן זילבּער . . . נאָר דאָס פּאָנעם איז אײַנגעשרומפּן און געל ... איך האָב געזען, ווי מען האָט אים א פעדער אונטער די נאָזלעכער געלייגט ; איך האָב אָבּער נישט געזען, זי זאָל זיך רירן.

און דער מאַלאַכ, דער שאַמעש פון נאַניידן, האָט בּאַ קיינעם קיין רעשוס נִיט גענומען, אַל דאַאַס אַצמוי איז ער אַראָפּגעשאָסן אַף דער ערד נאָך לייבּל קאָנסקיוואָלערס נעשאָמע.

עס וועט אַן אומגעריכטע פרייד זײַן אין נאַניידן.
אַזוי האָט ער געטראַכט.

פלינק פליִען מאַלאָכים, — נאָר — די שוואַרצע ווי די ווײַסע . . .

און אז דער ליכטיקער מאַלאַך איז אַראָפּגעקומען, האָט ער שוין געטראָפן
אַ פינצטערן מאַלאַך באַם גויסעס צוקאָפּנס...

צי איז דער פינצטערער פריִער אָרויס, צי האָט ער צוּ אונדז אַ קירצערן וועג? ווער ווייסט?

— וואָס טוסטו דאָ? וווּנדערט זיך דער ליכטיקער מאַלאַך, דערשראָקן. עס איז דאָך לייבל קאַנסקיוואַלער!

— איז וואָס? לאַכט דער שוואַרצער. און צוויי שורעס ווייסע ציין בליצן אים אַרויס פון אויסגעקרימטן מויל...

— דאָס איז מײַן געשעפֿט! איך בין שאַמעש פון גאַנייִדן.

— זייער אָנגענעם! מאַכט דער שוואַרצער אַ האַוואַיע, איך בין נאָר אַ לאַפּיטוט פון געהענעם, נאָר לאָמיר זען!

און ער גיט אַ שאַר מיט אַ פוס אונטערן קראַנקנס בעט, און עס רוקט זיך אַרויס אַ פאַרבונדענער זאַק.

— וואָס ליגט דאָ אין זאַק?

— טאַלעס־ותפילין, וויל דער גוטער מאַלאַך טרעפן.

— אונטערן בעט באַהאַלטן? אַווייִרעס באַהאַלט מען!

און ער בויגט זיך אַראָפּ צום זאַק און בינדט אים אויף, און עפנט אים, און דערלאַנגט אים אַ שטויס מיטן פוס — אַ גאָלדענער גלאַנץ וואַרפט זיך איבער דער שטוב, אַ גאָלדענער קלאַנג לויפט אים נאָך — גאָלדענע רענדלעך שטן זיך אויס...

— גנייווע־געלט, גזיילע־געלט! רופט אויס דער שוואַרצער מאַלאַך. אויסגענאַרט בא נישט קלוגע, גערויבט בא אַלמאָנעס, געגאַזלט בא יעסוימים פון צדאָקע־פושקעס אַרויסגענומען... מיט בלוטיקע טרערן זײַנען זיי געוואַשן און האַרציקע בלוט־פלעקן קלעפן אָן זיי... און זע, ווי ער וועקט זיך, אַז מען רירט זײַן גאָלד!

מיט פאַרשלאָסענע אויגן וואַרפט זיך דער גויסעס...

פאַרציטערט בלײַבט דער ווײַסער מאַלאַך און פאַרשטעלט זיך דאָס פּאָנעם מיט דער ערשטער פּאָר פליגל... דורך אַ שפּאַלט פון לאָדן רײַסט זיך אַרײַן אַ שטראַל פון דער מאָרגנדיקער זון, ער פאַלט איבערן גויסעסעס ברעמען — זיי ציטערן.

צום לעצטן מאָל עפנט ער האַלב די אויגן אויף:

— ווער איז דאָ? פרעגן די פאַרשעמטע, פאַרגעלטע ליפן מיט אַ שאָרך פון אַ פאַרפוילטן בלאַט...

— איך! ענטפערט דער שלעכטער מאַלאַך: איך. וואָס איך בין נאָך דײַן נעשאָמע געקומען... סוף!

— ווּ אַהין?

— אין געהענעם אַרײַן!

פאַר שרעק פאַלן דעם גויסעס צוריק די אויגן צו.

— בעט, בעט גאָט! רופט דער גוטער מאַלאַך: טו טשוווע... עס איז נאָך צײַט... זײַ מאַפקיר דײַן געלד...

— שמאַ... הייבט דער גויסעס אָן.

— ער וועט ניט מאַפקיר זײַן! זאָגט דער שלעכטער מאַלאַך און לייגט זײַן שווערן, שוואַרצן פליגל איבערן גויסעסעס פּנים, און אונטערן פליגל ווערט דאָס קאָל צוזאַמען מיטן גויסעס דערשטיקט.

דער ווײַסער מאַלאַך רוקט זיך צוריק אָפּ פאַרשעמט.

אין אַ פינצטערער, פאַרגאָסענער האַלבער נאַכט, צווישן גערויש, געשריי און געפּילדער אין געהענעם, שנײַדט זיך דורך אַ שאַרף־שנײַדנדיקער באַפעל:

— נאַכמענקע פון זבאַראַש גייט אויס... ער פלעגט זיך שנײַדן די נעגל נישט איבערגעהיפּט, אוועקוואַרפן... נישט איין מאָל פאַרגעסן מינכע צו דאַווענען, — ווער גייט נאָך זײַן נעשאָמע?

— איך! — רופט זיך אָן אַ מאַלאַך־כאַבאָלע!

— גרייט דערווײַל צו אַ קאָכעדיקן קעסל סמאָלע.

ער שפּרינגט אונטער און פליט אַרויס פון געהענעם...

געשווינד פליִען שלעכטע מאַלאָכים. צום גליק אָבער גוטע אויך; די גוטע זײַנען עפּשער ווײַטער פון אונדז, נאָר דאָס גרעסטע ראַכמאָנעס טראָגט זיי...

און אַז דער מאַלאַך־כאַבאָלע איז צום קראַנקנס בעט געקומען, האָט ער שוין צוקאָפּנס אַ ווײַסן גוטן מאַלאַך געטראָפן. ער איז געזעסן און האָט געטרייסט:

— שרעק זיך נישט, אָרעמער מענטש, פאַרן טויט... עס איז נאָר אַ בריק, אַ קורצע גרעניץ צווישן פינצטערקייט און ליכט... פון זאָרגן און אומרו אַן איבערגאַנג צו רו און גליק...

נאָר דער קראַנקער, דוכט זיך, הערט נישט; ער איז פאַרטראַכט, און די פלאַמענדיקע אויגן בלאָנדזשען אַרום אַף די ווענט...

און דער שוואַרצער מאַלאַך בלײַבט שטיין בײַ דער טיר און קוקט פאַרוווּנ־דערט...

— האָסט ניט קיין טאָעס, כאַווער? פרעגט ער דעם ליכטיקן מאַלאַך.

— ניין! ענטפערט דער גוטער: איך בין געשיקט געוואָרן נאָך דער נעשאָמע, נאָך דער ריינער באַרימהערציקער נעשאָמע; דו קענסט איבער איר קיין שליטע נישט האָבן!

— ער האָט נישט אַל־פּי דין די נעגל געשניטן!...

— איך ווייס, האַקט אים איבער דער גוטער מאַלאַך; נאָר דערפאַר קיין איינציקע רגע פאַר זיך נישט געלעבט... נאָר פאַר שוואַכע און קראַנקע, פאַר אַלמאָנעס און יעסוימים, פאַר פאַרפינצטערטע, פאַרוואָגלטע, פאַרמאַטערטע...

— בײַ אונדז אין בוך איז פאַרשריבן, וויפל מאָל ער האָט מינכע פאַרפעלט...

— נאָר קיינמאָל נישט פאַרפעלט, ווען מען האָט געדאַרפט עמיצן העלפן. קיינמאָל נישט פאַרגעסן צו טרייסטן, צו האַרציקן און צו קרעפטיקן דאָרט, ווו די פלינל זיינען אַראָפּגעפאַלן מיד, ווו די גאַל האָט געזאָלט די ריינסטע נעשאָמע פאַרגיסן, ווו די לעצטע האָפענונג, האָט זיך געדאַכט, איז פאַרשוווּנדן... ער האָט זיך קיין הויז נישט געבויט... דאָס דאַך איבערן קאָפּ נישט פאַררירכט, זיין בעט זיך נישט ווייך געבעט, קיין ליבשאַפט בא קיין פרוי נישט געזוכט, אַפּ קיין נאַכעס פון קינדער נישט געהאָפט... נאָר אַלץ פאַר אַנדערע... ווייל אַלע אַנדערע האָט ער געהאַלטן בעסער פאַר זיך...

שוואַרצע וואָלקן ציִען זיך אינדרויסן איבערן הימל... אַפּ אַ רעגע שניידט זיי דורך אַ בליץ, נאָר ער ווערט פאַרלאָשן און נאָך פעסטער ציִען זיך, נאָך ענגער שליסן זיך צוזאַמען די דיקע, פינצטערע וואָלקנס.

דער בליץ האָט צום לעצטן מאָל דעם גויסעס געוועקט.

— ווער איז דאָ בא מיר? ווער זיצט מיר צוקאָפּנס? פרעגן די פאַרברענטע ליפּן.

— איך, איך, אַ ליכטיקער מאַלאַך, פון זיין ליבן נאָמענס ליכטיקער פאַמאַליע... און פון זיין ליבן נאָמען נאָך דיין נעשאָמע געשיקט!... קום מיט מיר!

— ווו אַהין? פרעגט דער קראַנקער.

— צום הימל אַרויף, אין גאַניידן אַריין!

— הימל... גאַניידן... שטאַמלט נאָך דער גויסעס אין היץ: און ווי אַזוי לעבט זיך דאָרט אין הימל, אין גאַניידן דאָרט?

— גוט... פון גאָטס גענאָד באַשטראַלט, אין גלאַנץ פון קיסיי האַקאָוועד... מיט גאָלדענע קרוינען אַפּ די קעפּ...

— גלאַנץ... גאָלד... קרוינען... שטאַמלט דער גויסעס נאָך: וואָס וועל איך דאָרט טאָן?

— וועסט ניט דאַרפן טאָן... דאָרט איז אייביק רו, אייביק ליכטיקער נאַכעס, אַן אויפהער שטראַלנדיק גליק... קום!

— אָבער וואָס וועל איך דאָרט טאָן? דרייט זיך מיטן לעצטן קוויאַך דער גויסעס אויס צום מאַלאַך: איז דאָרט דאָ וועמען צו העלפן, געפאַלענע אויפצוהויבן, קראַנקע צו היילן, הונגעריקע צו זעטיקן, דאָרשטיקע די ליפּן צו נעצן, פאַרלוירענע צו זוכן און געפינען? דאָס איז דאָך מיין גליק געווען!...

— ניין, דאָס נישט! — ענטפערט מיט אַ נישט זיכער קאָל דער מאַלאַך: דאָס איז דאָרט נישט פאַראַן, דאָרט וועט קיינער נישט דאַרפן דיין הילף...

— און וואָס וועל איך דאָרט טאָן, מאַלאַך, דאָרט, ווו קיינער ברויך מיין נעשאָמע נישט, מיין האַרץ נישט; נישט מיין ראַכמאָנעסדיקע טרער אין אויג, נישט מיין וואָרט צו טרייסטן פון מויל, און נישט מיין האַנט, אויפצוהויבן צו ווערן פון גרוב?

דער שלעכטער מאַלאַך הערט און שמעקט אַרויס די צונג און באַלעקט

זיך ... א בויזעק־שמייכל ליגט זיך אים איבערן מויל פון אויער צו אויער ... ער עפנט דאָס מויל און צוויי שורעס ווײַסע ציין בליצן אויף אין דער פינצטערער שטוב ...

און צערודערט ויצט דער ליכטיקער מאַלאַך און ווייס נישט, וואָס צו ענטפערן דעם גויסעס ...

— וואָס פאָרט, מאַלאַך! וואָס פאָרט?

און דער גוטער מאַלאַך דרייט זיך אויס צום פענסטער און קוקט ארויס צום הימל און וואַרט פון דאָרט אַן אייצע און א ראָט ... נאָר פארשלאָסן איז דער הימל; אָן א וואָרט, אָן א שטראַל, אָן א פונק . . . און עס יאָגן אָן אלץ נײַע און נײַע, אלץ שווערערע און שווערערע וואָלקנס — א שאָטן פאַלט איבערן ליכטיקן מאַלאַכס פּנים, דער הימל זעט אויס האַרט און בייז, אָן ראַכמאָנעס זעט ער אויס, ער האָט אים נאָך קיינמאָל אזוי נישט געזען ... ער בלײַבט פארציטערט.

מיט דער ווײַלע באַנוצט זיך דער שלעכטער מאַלאַך און גענעענט זיך צום בעט פון דער צווייטער זייט.

— קום בעסער מיט מיר, רוימט ער אײַן דעם גויסעס.

— ווו אהין?

— דאָרט, וווּ דײַן האַרץ געלוסט ... צו די אומגליקלעכע, הונגעריקע, לעכצנדיק־דאָרשטיקע ... צו די פארכאַלעשטע און פארמאַטערטע, צו די פארלוירענע, פארשאָלטענע, צו די פון גאָט פארגעסענע ... העלפן וועסטו נישט קענען, אָבער, צוזאַמען ליידן, מיטפילן ...

— איך גיי! איך גיי! רופט דער קראַנקער אויס מיט קראַפט — — — —

און דער ווייסער מאַלאַך איז אוועק מיט ליידיקע הענט.

אַראָפּגעלאָזטע אויגן.

.1

גאָר גאָר פארצײַטנס האָט עטלעכע מײַל אונטער פּראָג געוווינט אין א דאָרף איינער א ייִד, א געוויסער יעכיעל־מיכל, וואָס האָט געהאַלטן די קרעטשמע אין דאָרף.

און דער פּאָריץ איז נישט קיין פּראָסטער פּאָריץ, נאָר א שעמ־דאָוואָר — א גראַף, האָט טאַקע יעכיעל־מיכל געהאַט פּארנאָסע בעשעפע, ווי מען זאָגט: מיט א שמיץ, און איז געוואָרן א גאַנצער „יעש'' — א באַלצדאָקע, א מאַכניס־אוירעך, און יאָמימ־נוראָים, אז ער פלעגט אַרײַפאָרן קיין פּראָג, לאָזט ער זיך קאָסטן אין שטאָט. און קיין אמ־האָרעץ איז יעכיעל־מיכל אויך נישט געווען, וועט ער א שטיקל אײַנגייער באַמ דאָוו און ראָש־יעשיווע, קויפט ער בא אים

עסרוגים, מאַצע־שמורע אוכערדוימע... בעט ער בא אים באַנים זכאַרים אויכ. זעט אָבער דער ראָש־יעשיווע בערואַכ האַקוידעש, אַז דעם ייד איז נישט באַשערט קיין נאַכעס פונ קינדער, אונ באַנים זכאַרים, פונ וועלכע מענ האָט קיין נאַכעס נישט, איז טאַקע ,,טויוו לאָהעם שעלוי ניוורעאו״, זאָלנ זיי בעסער אָפּ דער וועלט נישט קומענ. זאָגט ער אים פּשאַט פּאָשעט אָפּ. פאַלט יעכיעל־מיכל אַרײַנ אינ אַצוועס, טרייסט ער אים אונ זאָגט אים: ,,דערפאַר, יעכיעל־מיכל, אַז גאָט וועט דיר העלפנ, אונ וועסט אָנקלײַבנ נאַדנ קידעבאָע, אונ וועסט קומענ צו מיר אונ בעטנ, וועל איכ דיר אויסקלײַבנ אַנ איידעמל, אַז דו וועסט קיינ כאַראָטע נישט האָבנ!״

— נו, פאָרט ער אַהיים אַ ביסל געטרייסט. צוויי מיידלעכ האָט ער, מאַכט ער זיכ אַ קניפּל אָפּ נאַדנ, פריער פאַר דער עלטערער, דערנאָכ פאַר דער יינגערער. מיילע — איידעמס בנײַ־טוירע איז אויכ נישט קיינ שפּאַס.

זאַמלט ער, אונ גאָט העלפט. אונ אַז ער קומט צו די ערשטע כאַמעש מייעס טאָלער, זאָגט ער צו דוואָשנ זײַנ ווײַב:

— עס איז געקומענ די צײַט, כאַסענע צו מאַכנ אונדזער עלטערע טאָכטער נעכאַמע.

זאָגט דוואָשע, אַז עס איז זייער גלײַכ. אונ מענ רעכנט: דרײַ מייעס נאַדנ אונ שטיי מייעס אָפּ האַלבאָשע אונ מאַטאָנעס פאַר כאָסנ־קאַלע, כאַסענע־הויצאָעס, אוכערדוימע... אונ אַ סודע פאַר אָרעמע לײַט וועט מענ מאַכנ — פראָג זאָל געדענקענ!

נישט אַזוי אָבער געשווינד טוט זיכ, ווי עס רעדט זיכ. עס מאַכנ זיכ, ווי דער שטייגער איז, מעניעס. דער פאָריץ שיקט אַהינ, שיקט אַהער; דערווײַל מאַכנ זיכ שנייענ אונ פאַרשיטנ די וועגנ; זומער־צײַט פאַלנ רעגנ; קומט נאָר אָנ כאָגע, קאָנ מענ די קרעטשמע נייִשט פאַרלאָזנ... מיט איינ וואָרט: נישט אַזוי געשווינד מאַכט זיכ עס, אונ דערווײַל, ווי דער שטייגער איז: אַ מענטש דענקט, אונ גאָט לענקט...

.2

נעכאַמע, דעם אַרענדאַרס עלטערע טאָכטער, איז אַפילע זייער ווערט צו באַקומענ אַ כאָסנ פונ פראָגער יעשיווע: אַ מיידל — אַ גאָלד, אַ גוטע נעשאָמע, אַ שטילע. די גוטסקײַט קוקט איר פונ די שטילע אויגנ אַרויס, אונ זי לאָזט זיכ מאַכריכ זײַנ, טאַקע: וואָס דער טאַטע הייסט, וואָס די מאַמע הייסט אונ אַלע גוטע פרומע לײַט, וואָס שטעלנ זיכ אָפּ אינ קרעטשמע הייסנ... זי נעמט כאַלע מיט קאַוואָנע, בענטשט שוינ שאַבעס־ליכט, זאָגט שוינ אַיוורע־טײַטש ווי אַ וואַסער, מיט איינ וואָרט: זי איז ווערט די כופּע־שטאַנגענ...

זי איז ווערט, ווערנד בא דער יינגערער טאָכטער שנײַדט זיכ אַ ביסל אינ דער קרום. קיינ שלעכטס, כאַס־וויכאָלעם, נישט; נאָר אַזוי: עפּעס אַ מעשונעדיקע ברויע, אַ פאַרטראַכטע, אַ פאַרכאָלעמטע, אַלצ פאַלט איר פונ די הענט...

טײלמאָל לאָזט זי אראָפּ די ברעמען און גײט ארום מיט א בלאס פּאָנעם װי א קרײַט, װי אפן אױלעם האדימיען; רופט מען זי — גלײַך מען װאָלט זי פון יענער װעלט אראָפּגערופן, ציטערט זי און פאַלט מאמעש פון די פיס... און אמאָל גיט זי א קוק אף א מענטשן מיט אזױנע אױגן, מיט אזױנע שטאַרקע און שטעכעדיקע אױגן, אז עס װערט פּאַשעט נישט הײמלעך!

און א האסכאָלע פון מידעם מעגונעם אױך: עס איז זי ניט אָפּצורײַסן פון קרעטשמע. ביפראַט באַנאַכט, װען מען שפּילט און טאַנצט. גאַנצע נעכט װאָלט זי געזעסן און די אױגן זיך אױסגעקוקט, װי די יונגע פּױערים שטיפן מיט די שיקסעס, טאַנצן א ראָד, א שװינדלדיקן ראָד, און זינגען אַרײַן זײערע געזאַנגען, אז די קרעטשמע הילעכט און ציטערט...

און נעמט מען זי אַרײַן איבער געװאַלט אין אַלקער, און מען לײגט זי שלאָפן מיט נעכאַמעלען אין בעט, ליגט זי מיקלױמערשט מיט פאַרמאַכטע אױגן, ביז יענע שלאָפט אײַן. קױם שלאָפט יענע אײַן, שפּרינגט זי אראָפּ פון בעט, זומער און װינטער, באָרװעסערהײט, און קוקט אַרײַן דורכן לאָך פון שליסל, דורך א שפּאַרע אין טיר, צי אין פרײַסישן װענטל. טרעפט זי די מוטער, און רײַסט זי אָפּ, ברענט איר דאָס לײַב װי אין א פיבער און די אױגן שפּריצן מיט פונקען, אז דװאָשע דערשרעקט זיך און לױפט צוריק אַרײַן צו יעכיעל־מיכלען און דערצײלט אים.

— מען זאָל קאָנען פריער באַסענע מאַכן די יינגערע! זיפצט יעכיעל־מיכל.

— מען דאַרף עמיצן פרעגן! — ענטפערט דװאָשע...

דערװײַל מאַכן זיך װײַטער מעניעס, ביז עס טרעפט זיך אזא מײַסע:

3.

דער פּאָריץ פון דאָרף, דער גראַף, הײסט עס, האָט געהאַט א זון א בעניאָכיד, האָט ער אים אופגעצױגן אין פּאַריז, װי דעמלט דער שטײגער איז געװען בא גרױסע פּריצים. קומט ער צופאָרן אײן מאָל אין יאָר אף א קורצע צײַט, אף װאַקאַציע, זעט מען אים אױך נישט: א יונגער פּאָריץ, רײַט ער ארום טעג און נעכט אין די װעלדער אף געיעג. די פּעלעכלעך פון די האָזן און אנדערע באַיעס קריגט יעכיעל־מיכל פון קיך ארױס בעכאַצי־כינעם.

מאַכט זיך אײנמאָל אָבער א גרױסע היץ — פײַער איז געפלױגן אין לופטן; רײַט ער דורך איבערן װעג בא דער קרעטשמע. פאַלט אים אײַן, שפּרינגט ער אראָפּ פון מילכ־װײַסן פערד, בינדט עס צו צו דער צױם, שפּרינגט אַרײַן אין קרעטשמע און הײסט זיך געבן א גלאָז מעד.

דערלאַנגט אים יעכיעל־מיכל מיט ציטערדיקע הענט א גלאָז מעד. נעמט דער יונגער פּאָריץ צום מױל און גיט א זופּ און פאַרקרימט זיך; בא זײַן פּאָטער אין קעלער איז פאַראַן, אפּאָנעם, בעסערער מעד, גאָט װײסט װי אַלט ער איז. ער

וואָלט עפּשער דערלאַנגט מיטנ גלאָז יעכיעל־מיכלענ אינ קאָפּ אַרײַנ, דערזעט ער אָבער מאַלקעלענ, ווי זי זיצט אַזוי אינ עק קרעטשמע מיט פֿאַרשטאַרטע אויגנ אונ א ווײַס פּענימל. שטעלט ער אַוועק געלאַסנ דאָס גלאָז, וואַרפֿט אָפּנ שענק־טיש א האַרטנ טאָלער אונ גיט א פֿרעג:

— מוישע (בא גרויסע פּריצימ הייסנ אַלע ייִדנ מוישע), דאָס איז דײַנ טאָכטער!

ווערט יעכיעל־מיכלענ א לאָכ אינ האַרצ, שטאַמלט ער, יעבעכ: „יאָ, יאָ, מײַנ־טאָכטער". אונ דער יונגער פּאָריצ קוקט אונ קוקט, אונ רייסט פֿונ מיידל קיינ אויג נישט אָפּ. אונ צו מאָרגנס קומט ער ווײַטער טרינקענ מעד... אונ אַזוי אָפּנ דריטנ, אונ פֿירטנ טאָג... נעמט מענ דאָס מיידל אונ מענ באַהאַלט פֿונ אימ, בייזערט ער זיכ, ער זאָגט ניט פֿאַרוואָס, נאָר ער דרייט די שוואַרצע וואָנסעלעכ אונ בליצט מיט די אויגנ. גיט ער אַמאָל א זאָג: אַז יעכיעל־מיכל צאָלט ווייניק פֿאַר דער קרעטשמע... אַז פּראָגער ייִדנ ליגנ פֿאַר גרויסע הויסאָפּעס... אונ דאָס איז עמעס געווענ, נאָר דער אַלטער פּאָריצ האָט זיי קיינמאָל נישט געלאָזט איבער דער שוועל; א גרויסע זאַכ: א ייִד זיצט, זאָל ער האָבנ פֿאַר־נאָסע... ווערט יעכיעל־מיכלענ נישט היימלעכ. ביפֿראַט אַז מאַלקעלע גייט נאָכ מער אַרומ אָפּנ אוילעמ־האַדימיענ, רעכנט ער טאַקע, צו פֿאָרנ זיכ מיסיאַעצ זײַנ קיינ פּראָג. מאַכנ זיכ אָבער ווײַטער מעניעס, אונ דער יונגער פּאָריצ קומט אַלצ יעדנ טאָג אונ איינמאָל גיט ער פֿונ דער העלער הויט א זאָג:

— מוישע, פֿאַרקויפֿ מיר דײַנ טאָכטער!

טרייסלט זיכ יעכיעל־מיכלענ די ווײַסע באָרד, אונ עס ווערט אימ כוישעכ אינ די גרויע אויגנ.

לאַכט ער, דער פּאָריצ:

— זי הייסט עסטערקע? — פֿרעגט ער.

— ניינ, מאַלקע הייסט זי...

— זאָל זיכ דיר דאַכטנ, — זאָגט ער — אַז זי הייסט עסטער, דו — מאָרדכע אונ איכ אַכאַשווירעש... וואָס? מיינ נישט, איכ וועל איר אַרופֿזעצנ א קרוינ אָפּנ קאָפּ! נאָר דו קריגסט די קרעטשמע אומזיסט אונ אָפּ אייביק פֿאַר קינדער אונ קינדס־קינדער!

אונ ער גיט אימ א צײַט, אָפּ ייִשעוו...

.4

זעט יעכיעל־מיכל, אַז עס איז שלעכט, שפּאַנט ער פֿאַרטאָג אײַנ פֿערד־אונ־ביטקע, כאַפּט זיכ אַראָפּ קיינ פּראָג, פֿאַרפֿאָרט גלײַכ צומ ראָוו אונ ראָש־יעשיווע. טרעפֿט ער אימ בא דער געמאָרע, נעמט ער „שאָלעמ אַלייכעמ" אונ גיט טאָכ קעדיי דיבור א פֿרעג:

— רעבע, צי מעג מענ כאַסענע מאַכנ א ייִנגערע פֿאַר אַנ עלטערע?

ליגט דער ראָש־יעשיווע די עלנבויגנ אָפּ דער געמאָרע אונ ענטפֿערט אימ:

— ניין, יעכיעל־מיכל, בא אונדז פירט זיך ניט אזוי... נישט קיין ייִדישע זאך. און דערמאָנט אים די מייסע מיט יאקיוו וועלאָוואָן.

— איך ווייס — זאָגט יעכיעל־מיכל — אָבער אז מען מוז?

— דעהיינע?

נעמט יעכיעל־מיכל און גיסט אויס פארן פראָגער צאדיק זיין ביטער האַרץ, דערציילט אים אלץ קאהאוויע. פארטראכט זיך דער פראָגער צאדיק און זאָגט:

— מיילע, בישאם הארכאק שיני!

דערציילט יעכיעל־מיכל דעם צאדיק וועגן זיין רייכקייט, וועגן די ה' מייעס טאָלער, און דערמאָנט אים זיין צוזאָג וועגן אויסקלייבן א כּאָסן פון דער יעשיווע.

פארטראכט זיך דער פראָגער צאדיק, שפּארט אָן אַפּ א ווײַלע דעם קאָפּ אַפּ די עלנבויגן איבער דער געמאָרע און הויבט אוף דעם קאָפּ און זאָגט אים:

— ניין, יעכיעל־מיכל, דאָס קאָן איך נישט.

— פאר וואָס, רעבע, — פרעגט יעכיעל־מיכל פארציטערט: — האָט דען מיין מאלקעלע, כאס־וועשאָלעם, א זינד אַפּ דער נעשאָמע? א יונג קינד, א יונג ביימעלע, ווי מען בויגט עס...

— כאס וועשאָלעם! — ענטפערט דער ראָש־יעשיווע — איך זאָג נישט, אז זי האָט, כאס־וועשאָלעם, געזינדיקט, דאָס האָב איך בעקאוואָנע נישט גע־האָט... נאָר עס פּאסט נישט. הער, יעכיעל־מיכל, דיין טאָכטער האָט נישט געזינדיקט. אָבער, אָבער אָנגערירט, פארשטייסטו, אביסל אָנגערירט איז זי דאָך... און דער איקער — זאָגט ווייטער דער ראָש־יעשיווע — מיין איך דיין טויווע דערמיט. וואָרום האשגאָכע דארף דיין טאָכטער. האשגאָכע פון א מאן, און טאקע פון א מאן — א מענטש, א סויכער... כוץ דעם — האשגאָכע פון שווער און שוויגער... פון שטוב־לייט... ווי עס איז, מען דארף איר ארויסשלאָגן פון קאָפּ... זי דארף דעריבער ארייַנקומען אין א הויז... אין א הויז מיט א סאך אויערן און אויגן.... מיטן ייצער־האָרע, אז ער כאפּט זיך אריין, מוז מען שטארק מילכאָמע האלטן... עס איז א מין ביטערער כריין, מען זייט אים נאָר איין מאָל און וואקסן וואקסט ער אייביק... דו רייסט, און ער וואקסט!... וואָס, ניין?

יעכיעל־מיכל מוז, נעבעך, צושאָקלען מיטן קאָפּ אַפּ יאָ.

— און אצונד, — זאָגט ווייטער דער צאדיק, — ליין צו קאָפּ, יעכיעל־מיכל: לעמאָשל, איך וויל זיין א גוטער, און האלטן וואָרט, — עס איז דאָך נאריש, צוגעזאָגט האָב איך דיר, — און איך וויל זיין אן אוימעד־בעדובורי און טאָן דיין ראָצן; און נעם, און גיב דיר פאר אן איידעם א באָכער פון דער יעשיווע. הייסט עס: אן אָורעמ־באָכער, א פארלאָזט ייִנגל... נו, וועט גוט זיין?

וואָס איז דאָס ייִנגל? א בען־טוירע... ער וועט זיצן און לערנען... מער ווייסט ער נישט און וויל נישט וויסן, און ער טאָר נישט וויסן.....

און ווו וועט וווינען דאָס פאָר־פאָלק?

צו דיר אינ דאָרפ אריינ אפ קעסט וועסטו דאָכ דאָס פאָר־פאָלק נישט נעמענ?

— וואָרדע נישט, קאָלזמאַנ דער יונגער פאָריצ איז דאָ!

— אונ וועֶר ווייסט, ווי לאַנג ער וועט זיינ? ! א קאשע אפ א פאָריצ! זיי, אז עס פאלט עפּעס אינ די אויגנ אריינ! ער האָט אנדערע זאָרג? פאַרנאָסע פעלט אימ?... האקלאָל צו זיכ אפ קעסט נישט. לאָזטו זיי איבער אינ פּראָג. דינגסט א דירע אונ לאָזט זיי איבער אונ שיקסט ז פאַרנאָסע. נו, וואָס טוט דאָס פּאָר־פאָלק? ער, דער יונגערמאַנ, זיצט יאָמימ וועלייל עס אינ בעס־מעד־רעש, אל האטוירע וועאל האַאווידע, — אונ זי? דאָס יונגע ווייבל, וואָס טוט? וואָס פאר מאכשאָוועס טראכט זי? אפ וועלכנ אוילעמ האדימיענ גייט זי ארומ?

— גערעכט, רעבע — איז יעכיעל־מיכל מוידע מיט א הייזעריק קאָל. — וואָס דענ טוט מענ?

— וואָס עס לאָזט זיכ! — ענטפערט דער ראָש־יעשיווע. — אונ איכ וועל דיר העלפנ. איכ אליינ וועל שיקנ נאָכ א שאדכנ אונ זאָגנ אימ, ווו אהינ ער זאָל גיינ... עס זאָל זיינ א הויז מיט מענטשנ, מיט א שטאט, מיט א ביסל אוילעמ־האזע, נאָר בעהעטער, נישט בעאיסער... וועסט זענ, מיט זיינ ליבנ נאָמענס הילפ!

— דערפאר, יעכיעל מיכל, — טרייסט ער אימ, — אז דו וועסט קומענ צו מיר וועגנ דער צווייטער טאָכטער, אונ גאָט וועט דיר העלפנ אונ וועסט האָבנ א קניפל — קריגסטו, זאָג איכ דיר, א פראכט, מיט גאָלד אָבצוּוועגנ... דערווייל מאכ כאסענע...

.5

וועקאכ האווע.

אפנ ראָש־יעשיוועס באראָט, אונ בעסאָד סוידעס האָט מענ מיט מאלקעב א באלעבאטישנ שידעכ געטאָנ. אונ מאלקע האָט ביז דער לעצטער רעגע נישט געוווּסט, נאָכ וואָס עס קומענ שניידער אונ מעסטנ איר אָנ קליידער, אונ פאר וואָס מענ וועקט זי אופ פארטאָג אונ מענ פירט זי אוועק קיינ פּראָג...

אונ אז זי האָט שוינ פארשטאנענ, וואָס דאָס באטייט, האָט זי אויכ קיינ וואָרט נישט גערעדט. די יונגע נעשאָמע האָט זיכ בא איר ווי אָפּגעשלאָסנ.

וואָס עס האָט זיכ בא איר אינ הארצ געטאָנ, האָט קיינער נישט געוווּסט; אָבער פונ אויבנ־אופ, האָט זיכ גערעדט — אפ אלע בנוים צוּענ געזאָגט! טאקע מיט אלע מיילעס... אביסל צו בלאס, עפּעס שטענדיק די אויגנ אראָפּגעלאָזט — מאלע וואָס? פריער האָט עס געהייסנ קאלע־ביינ, דערנאָכ: אזוי האָט זי שוינ זיינ ליבער נאָמענ באשאפנ, אונ סיי ווי סיי — א יעפייפיע! א פארנעמע־ניש! אונ אדראבע! זי גייט אָנ דער שוויגער נישט קיינ טריט, וואָס מענ גיט איר, עסט זי; וואָס אונ ווענ מענ דערלאנגט איר, טרינקט זי; אונ וואָס פאר א קלייד מענ וויל, טוט זי אָנ. ציכטיק, שטיל אונ שיינ. אונ שאבעס, אז זי טוט

אַן דאָס שוואַרץ־אַטלאַסענע קלייד מיט דער גאָלדענער שפּאַנגע, נעמט אַפּצ אַלבאַסטער־ווײַסע האַלדז די פּערל, און עס באַמבלען זיך איר בײַ די אויערן די בריליאַנטענע אוירינגלעך, בלײַבן ווײַבער שטיין אין די גאַסן און גאַפן, און מען זאָגט: אַ פּרינצעסין... און זי — גלײַך מען מיינט נישט זי, גייט זיך ווײַטער שטיל און ציכטיק, צווישן שוויגער און שוועגערינס אין דער ווײַבערשער שול אַרײַן, שטעלט זיך נעבן דער שוויגער בײַ דער קראַטע און לאָזט אַראָפּ די זײַדענע ברעמען, און עפנט מיטן ווײַסן הענטל די זילבערנע קלאַמערס פֿון סידער מיטן גאָלדענעם שניט, און די ליפּעלעך הייבן אָן צו ציטערן, צו ציטערן...

און אַ גאַנצע וואָך? יעדן פֿאַרנאַכט?

— וווּהין ווילסטו הײַנט גיין שפּאַצירן, מאַלקע?

זי זאָגט נישט וווּהין; ווּ מען גייט, גייט זי... און אַז מען גייט פֿאַרבײַ פאַר פענצטער מיט צירונג, שטעלן זיך אַלע אָפּ און קוקן, מאַלקע נישט. זי שטעלט זיך אָפּ, ווײַל זיי שטעלן זיך אָפּ, אָבער קוקן, קוקט זי אין דער לופט אַרײַן...

זאָגט מען: וואָס דאַרף זי צירונג, זי אַליין איז צירונג!

ביפראַט, אַז דער יונגערמאַן פֿילט אָן איר די נעשאָמע נישט. ער היט זי, ווי אַן אויג אין קאָפּ, ווי דאָס שוואַרץ־אַפּל אין אויג...

און אַזוי אַלץ...

פֿון אויבן אָפּגעטאָקט, אָפּגעשניצט און ריין, ווי שיינער קריסטאָל... אָבער אינעווייניק?

אַ נעווייניק איז געלעגן די קרעטשמע מיטן געזאַנג און טאַנץ און געשפּי־לערײַ... אין האַרץ האָט צווישן איר און דער וועלט אַרומגעשוועבט דער פּאַר־טרעט פֿון יונגן פּאַריץ... קוים פֿאַרמאַכט זי די אויגן, צי אין שול בײַ דער קראַטע, צי מויצאָע שאַבעס צו „גאָט פֿון אַווראָהאָמ"״, צי בײַ שאַבעס־ליכט בענטשן, צעשפּילט זיך אין איר דער קויאַך האַדאַם. טאַנצט זי, ראַכמאָנע ליצלאַן, מיטן פּאַריץ. און מיטן ראָד אין קרעטשמע נאָך שניט... אָדער זי רײַט מיט אים צוזאַמען און טרײַבט אַפּן ווײַסן פערד ווי אַ מילכ, איבער וואַלד און טאָל... און ביפראַט, אַז עס גענענט זיך צו איר דער מאַן, אין דער רענע שליסט זי די אויגן צו און האַלדזט און קושט — וועמען? דעם יונגן פּאַריץ האַלדזט זי און קושט...

בעט זיך בײַ איר דער יונגער מאַן — אירע שיינע אויגן האָט ער ליב געהאַט — בעט ער זיך: לעבן מײַנס, עפן דײַנע שיינע אויגן, דײַנע טויערן פֿון גאַניידן אויף! — בעשום אויפן נישט! ווײַל ער אַמאָל (אַ יונגער מאַן!) אויס־פירן, ווײַל ער זיך מיקלוימערשט אָפּרוקן, האַלט זי אים מיט די אָרעמס, ווי מיט צוואַנגען... דערשרעקט ער זיך פֿלוצלונג און וויל זיך אויסרײַסן, בעט זי זיך מיט אַ פֿאַרכאַלעשט קאָל:

— פּאָריץ מײַנער, אָדלער מײַנער!...

מיינט ער — אזוי ליב האָט זי אים, אז ער איז איר פּאָריץ, איר אָדלער...
„דאָרף־לאָשנ" — טראכט ער. און זאָל זי נ י ש ט עפענען די אויגן, אז זי שעמט זיך!

.6

און אזוי האָט מאלקע אָפּגעלעבט א יאָר נאָך א יאָר. קיין קינדער האָט זי נישט געהאט און געלעבט האָט זי — נישט מיטן מאן...

צו וואָס איז דאָס געגליכן?

צו אן עפּל, וואָס הענגט, דאכט זיך, געזונט און פריש אַפ א גרינער צווייג, אַפ א גאָלדענעם עפּלבוים, און די הויט פון אויבן איז געדויטלט, ווי דער מיזרעכ אייַ די זון באווייזט זיך, און א פרישער הויך, ווי פון גאניידן, ליגט אַפ אים: שמעקעדיק, אזוי פארנעמיש, אָבער אין עמעסן אריין איז געזונט און פריש נאָר די הויט, די שאָל פון אויבן, אינעווייניק אָבער האָט שוין אלץ דער וואָרם אויסגעגעסן...

אָבער פּונקט לעהייפעך האָט זיך אויסגעשניטן דאָס מאזל פון יעקב־מיכלס עלטערער טאָכטער — נעכאמע. באַ יעקבעל־מיכלען אליין האָט זיך אלץ איבערגעקערט, און, ווי עס טרעפט זיך, דאווקע מיט דער פּוטער אראָפּ...

אָפּגעשפּילט און אָפּגעטאנצט אין פּראָג, איז יעקבעל־מיכל אהיים געפאָרן פון פּראָג אין גאנצן מיט עטלעכע מאטבייעס אין קעשענע, און ווי ער קומט צו צו דער גרענעץ פון דאָרף, דערזעט ער, ווי זיין גאנצע קלייבאָים מיט די בעטן, מיט די טישן און בענק פון קרעטשמע ליגן אַפן פרייען פעלד און א פויער פון פּאָריצס הויף שטייט דערבייַ ווי א שומער.

און דער שומער לאָזט אים שוין נישט אריינפאָרן אין דאָרף אריין... עס ווייזט זיך ארויס, אז בישאַס ווען ער האָט געטאנצט אַפ דער יונגערער טאָכטערס כאַסענע, האָט אים דערווייַל עמעצ אויסגעדונגען די קרעטשמע, א גרויסע הויסאָפּע געגעבן, און דער יונגער פּאָריץ האָט איבערגעראַבערט דעם אלטן פּאָריץ, ער זאָל נעמען די הויסאָפּע... און דער ייִד זיצט שוין אין קרעטשמע!

הייבט אָן דאָס ווייַב מיט דער טאָכטער צו וויינען, צו כאלעשן. בעט זיך יעקבעל־מיכל באַם שומער, ער זאָל כאָטש אריינלאָזן א וואָרט ריידן מיטן אלטן פּאָריץ. נעמט דער שומער אראָפּ די ביקס, וואָס האָט אים געהאנגען אַפּ די פּלייצעס, און זאָגט: ער וועט שיסן! ער וועט מוזן שיסן, זאָגט ער.

א היימישער פויער געוועזן, טרערן אין די אויגן האָט ער געהאט; נאָר אז דער פּאָריץ האָט געהייסן, וואָלט ער אוודע געשאָסן! זעט יעקבעל־מיכל, אז עס איז פארפאלן, און צוריק אריינפאָרן קיין פּראָג האָט ער נישט מיט וואָס, נאָך דער כאסענע איז אים קוים עטלעכע רענדלעך געבליבן: און מיט זיין אָרעמקייט, דער אויסגעגעבענער טאָכטער די אויגן פארשוואַרצן וויל ער אויך נישט — נעמט ער דאָס ווייַב און נעכאמען, די טאָכטער, און פאָרט מיט זיי אריבער צו אן אנדער פּאָריץ אין א דאָרף אריין, נאָך ווייטער פון פּראָג, און

בעט באַם פּאָריץ רעשוס, און עפנט זיך א געוועלבל מיט זאַלץ, בעקער־ברויט און אנדערע קליינע סכוירעס אין דאָרף, און לאָזט איבער דאָס געוועלבל אפן ווייב מיט דער טאָכטערס באַראָט. ער אַליין אָבער לאָזט זיך אפ דער וועלט, צו פּראָצעסירן מיט יענעם פּאָריץ, ווייל דער קאָנטראַקט איז נאָך ניט געווען אויסגעגאַנגען, און אויך צו האָבן דין־טוירעס מיט יידן, וואָס האָט אים מאַסיג גוזל געווען... נאָר עס גייט נישט אזוי געשווינדט, ווי עס רעדט זיך, ביפראַט מיט לײדיקע הענט. נעדרויערט א פּאָר יאָר; פאַרשפּילט ער דעם פּראָצעס מיטן פּאָריץ און זיצט אָפּ א צייט אין טפיסע פאַר די הויצאָעס פון פּראָצעס: דעם דין טוירע קעגן מאַסיג־גוזל געווינט ער סאָף קאָל סאָף, נאָר דער מאַסיג־גוזל וויל בעשום אויפן וועצאַד דעם פסאַק נישט האַלטן; און דער פּראָגער צאַדיק, וואָס האָט קויאַך געהאַט צו נויטן, איז דערווייל ניסטאַלעק געוואָרן, און פּראָג זוכט און זוכט א ראָוו, און קען דערווייל נישט צוקלייבן זיך, און לעס דין וועלעס דייען. קומט ער, יעכיעל־מיכל, אהיים נאָך א פּאָר יאָר, אן אויסגעמאַטערטער, אן אויסגעהונגערטער און לייגט זיך קראַנק אין בעט אריין, און ליגט אָפּ א פּאָר וואָכן און שטאַרבט; לעבט אים דאָס ווייב זיינס לאַנג נישט איבער, און נעכאַמע ווערט א יעסוימע, איינע אַליין אין דאָרף, ווי א שטיין, און לייזן לייזט מען נישט... עס איז נישטאָ פאַר וואָס צו לייזן... און די יונגע פּויערים, זייט זי איז אַליין געבליבן, לאָזן זי נישט רוען, די יידישע קאַפּצענטע...

שרייבט זי אַיין בריוו און א צווייטן צו דער שוועסטער קיין פּראָג. לעבט אָבער די שוועסטער אין פּראָג, ווי מיר ווייסן, אין אן אוילעם־האַטויהו און לייענט נישט קיין בריוו... באַקומט די פאַרלאָזטע יעסוימע קיין טישווע נישט; הויבט זי זיך אופ באַנאַכט און פאַרמאַכט דאָס לײדיקע קרעמל און גאַנוועט זיך פון דאָרף ארויס צופוס; זי לאָזט זיך גיין אפּ גאָטס באַראָט, אז זי וועט טרעפן צו דער שוועסטער קיין פּראָג, א שוועסטער איז דאָך קיין שטיין נישט...

.7

גייט זי אזוי מיט א שטיקל ברויט אין דער האַנט פון דאָרף ארויס. קומט זי צו צום וואַלד, האָט זי מוירע פאַר כאַיעס ראָעס. גייט זי נישט טיף אין וואַלד אריין, גראַבלט זי זיך ארופּ אפן ערשטן בעסטן בוים, און וויל איבערוואַרטן, ביז עס וועט טאָג ווערן, צווישן די צווייגן אפן בוים. ליגט זי אזוי א ווײַלע; דערהערט זי, אין מיטן קרישמע לייענען, ווי הינט בילן און לויפן. און דאָס געלויפעריי און געבילעריי קומט אַלע מאָל נעענטער; פאַרשטייט זי, אז עס איז א געיעג פון פּריציס אפּ כאַיעס אין וואַלד. פאַרשטופּט זי זיך נאָך טיפער צווישן די צווייגן. און דאָס געיעג קומט אַלץ נעענטער און נעענטער, און א גאַנצע מאַכנע הינט שפּרינגט צו צום בוים און הויבט אָן שטאַרק צו בילן; און צוויי רייטער קומען געשווינט אָן צו רייטן, קעדיי צו זען, וואָס די

הינט בילן אזוי און לויפן אזוי ארום בוים. און די צוויי רעטער זיינען צוויי יונגע פריצים געווען, און זיי האבן ארופגעקלעטערט אפן בוים און האבן זי אראפגענומען איבערגעוואלט, און פייער געמאכט, און באטראכט, ווער דאס איז; האבן זיי געזען, אז עס איז א יידיש קינד, און זייער א שיין מיידל, נאר אנגעהונגערטס. זאגן זיי איר, אז זיי וועלן איר, כאס ווערמאלעם, קיין שלעכטס נישט טאן, ווארום זי לייכט אין דער פינצטער ווי א מארגנשטערן... אז מען דארף זי נאר איבערטאן, וועט זי שיינען ווי א מאלקע, און שמעקן ווי א רויז... ווערט איר, פארשטייט זיך, א לאב אין הארץ. דערווייל, הערט זי, צעקריגן זיך די יונגע פריצים: יעדער וויל זי נעמען צו זיך, יעדער טענעט, אז זי איז זיינ, אז דאס האט זי זיין הונט צום אלעם ערשטן דערשפירט... בלייבט, זיי זאלן זיך שיסן, און ווער עס וועט לעבן בלייבן, דער זאל זי נעמען. שטעלן זיי זיך איינער קעגן צווייטן און ווילן שוין אנהייבן צו שיסן. האבן זיי אין מיטן א ישועו, זיי וועלן בעסער ציען קניפלעך. ציען זיי קניפלעך, און איינער, וואס האט ארויסגעצויגן דאס קניפל, האט זי ארופגעצויגן צו זיך אפן פערד און איז מיט איר גאלאפ אוועקגעריטן צו זיך אין פאלאץ אריין... כאלעשט זי...

און אז זי האט זיך צו מארגנס אופגעכאפט באם פאריץ אין פאלאץ — —

— — — — — — — — — —

.8

און אז זי איז באם פאריץ אין פאלאץ צו זיך געקומען און דערזען, אז ער האלט זי אפ דעמ שוים, און האט דערפילט, אז ער קושט זי און האלדזט זי... האט זי פארשטאנען, אז עס איז פארפאלן, אז זי וועט זיך שוין נישט ראטעווען, האט זי זיך נאר געבעטן: — פאריץ לעב, איך בין בא דיר אין די הענט... און דו ביזט צו שטארק, איך זאל מיך ווערן קעגן דיר, און איך האב שוין נישט מיט וואס זיך צו ווערן... בעט איך בא דיר נאר איינס: האב אפ מיר ראכמאנעס און זאג מיר נאר די איינציקע זאך צו: האסט מיר פארזינדיקט דעמ גוף, פארפאלן! פארזינדיק, מיר באטש נישט די נעשאמע, לאז מיך בא דער עמונע... און בא מיינע מאכשאוועס... לאז מיך טראכטן און קלערן, וואס איך וויל...

דער פאריץ האט אפילע נישט רעכט פארשטאנען, וואס זי מיינט דערמיט, נאר בעעמעס ליב געקריגן האט ער זי, האט ער איר צוגעזאגט... געמיינט האט ער: און וואס שאדט עס אים? כאסענע האבן מיט איר וועט ער סיי ווי סיי נישט. איינמאל האט ער אפילע געקויפט בא א יידן אין פראג א סידער און האט איר געבראכט א מאטאנע. זי האט גענומען דעמ סידער מיט פרייד, נאר באלד פון דער האנט ארויסגעלאזט אפן טיש... „מיינע הענט — האט זי געזאגט — זיינען נישט ווערט די ריינקייט צו טראגן"...

וואגדערט זיך דער פאריץ און שווייגט.

און באם פאריץ אין הויף האט געבאמע געפירט א לעבן, וואס איז געווען נאר דער הייפעב פון לעבן, וואס די שוועסטער האט געפירט אין פראג... ביידע האבן פארמאכטע אויגן געהאט, ארומגעגאנגענע פרעמד און פארכאלעמט. נאר בישאם ווען מאלקע האט געזינדיקט מיט דער נעשאמע אין א ריינעם גוף, האט געבאמע, פארקערט: אפגעלאזט דעם גאנצן גוף און ריין געהאלטן די נעשאמע...

עס גייט צו איר צו דער פאריץ, — פארמאכט זי די אויגן און טראכט: „די מאמע קושט מיך"... עס האלדזט זי און עס קושט זי די מוטער און לערנט זי בראכע זאגן, און „גאט פון אווראהאמ" זאגן...

ער וויל, זי זאל איט ליב האבן...

זי האט ליב, שטארק ליב — די מוטער! זי נעמט ארום די מוטער... „נאך אמאל, מאמיטי: „בוירע ציווא לאנו"... שעפטשעט זי... און מיט די זינדיקע ליפן רעדט זי אפילע די ווערטער נישט ארויס... אין דער נעשאמע זוימלען זיי בא איר, דארט ליבטן זיי טיף, טיף אינעווייניק...

9,

לעבן לעבט מען נישט אייביק, און ביידע שוועסטער איז קיין לעבן נישט באשערט געווען...

און אז די נעשאמעס האבן זיך אפגעטיילט פון גוף, איז דער יונגערעדס, מאלקעס, נעשאמע, וואס איז געווען דורכגעפלעקט פון זינד, ארויס ווי א שווארצע קרא פון ווייסן גוף און איז באלד ערגעץ פארפאלן געווארן אין קאפ־האקעלא... דער עלטערעדס, געבאמעס, ווייסע, קלארע נעשאמע אבער, קוים האט זי זיך באפרייט פון זינדיקן גוף, האט זי זיך ליכט און שטיל ווי א טויב אופגעהויבן אין דער הויך צום הויכן הימל. פארן טויער איז זי אפילע געבליבן שטיין פארציטערט, נאר גאטס ראכמאנעס האט זיך צו איר באוויזן און האט איר געעפנט דעם טויער און האט זי געטרייסט און אויסגעווישט די טרערן פון די אויגן.

פון דעמ אלעמ אבער האבן מענטשן אף דער ערד נישט געוווסט... די פראגער גווירע האט געהאט א גרויסע לעווייע. מען האט איר אויך א גרויסן העספעד געמאכט, עס האט א מאמענס געקאסט! און מען האט זי אויבען־אן אפגן בייס־האכיים, צווישן אלע צנועס, געלייגט. און צום יאר האט מען איר א גרויסע מאצייווע מיט אלערליי אויסגעקריצטע שוואכימ געשטעלט...

אבער אז דער פאריץ האט דער עלטערעדס גופ קיין פראג געשיקט... האט קיין בעווערע־מאן נישט געוואלט זיך צורירן צום זינדיקן גוף, האט מען צו דער טארע פראסטע טרעגער געדונגען און מען האט זי איינגעהילט אין אן אלטן זאק און ארייגעווארפן אין א גרוב ערגעץ אונטערן פלויט...

א מענטש זעט נאר פון אויבן...

—

.10

און אײנ א צײט ארום, אז מען האָט צוגענומען א שטיק פון אלטן פראָגער בײס־אלמין צו דער שטאָט, בדייטער צו מאכן א גאס, און מען האָט אויסגעגראָבן די קװאָרים, איבערצופירן די איבערגעבליבענע ביינער, האָט א קאַברען געעפנט נעבאמעס קײװער באַם פלויט און נישט מער געפונען ווי א שארבן, — פון לייב און דעם רעשט ביינער איז קיין סאָריד אופאָליט נישט געבליבן... און װען ער האָט נישט װילנדיק מיטן פוס אװעקגעשטופּט דעם שארבן, איז ער אַפּגעשפּרונגען און איז ערגעץ פאַרװאַלגערט געװאָרן... און איז שוין צו קװורע נישט געקומען.

דער קאַברען אָבער, װאָס האָט געעפנט מאַלקעס קײװער, האָט זי געפונען אינגאנצן גאַנץ און פרישן, קימאַט מיט א פרישן שמײכל אפן װײכן פּאָנעם.

— דאָס הײסט א צאַדייקעס! — האָבן מענטשן געזאָגט. — די װערעם האָבן אף איר קיין שליטע נישט געהאַט...

װאָרום אזױ טראַכטן און זאָגן מענטשן, װאָס זעען נאָר מיט די אויגן פון אויבן־אויף, און װייסן קיינמאָל נישט, װאָס אין האַרץ טוט זיך, װאָס בא עמיצן אף דער נעשאָמע איז...

אויב נישט נאָך העכער

א בכידישע דערציילונג

און דער נעמיראָװער פלעגט סליכעס־צייט יעדן פרימאָרגן נעלמ װערן, פאַרשװינדן!

מען פלעגט אים נישט זען אין ערגעץ: ניט אין שול, ניט אין ביידע באָטײ־מעדראָשים, נישט בא א מיניען און אינדערהיים אװאַדע און אװאַדע נישט. די שטוב איז געשטאַנען אָפן. װער עס האָט געװאָלט, איז אריין און ארויסגעגאַנגען; געגאַנװעט באַם רעבן האָט מען נישט, אָבער קיין לעבעדיק באַשעפעניש איז אין שטוב נישט געװען.

װוּ קען זיין דער רעבע?

װוּ זאָל ער זיין? מין האַסטאַמ אין הימל! װייניק נעיטעפטן האָט א רעבע פאַר יאָמים־נויראָים צו פאַרזאָרגן? יידעלעך, קיין אנהאָרע, דאַרפן פּאַרנאָסע, שאָלעם, געזונט, גוטע שידוכים, װילן גוט און פרום זיין, און די זינד זיינען דאָך גרויס, און דער סאָטן מיט זיינע טויזנט אויגן קוקט פון איין עק װעלט ביז דער צװייטער, און ער זעט, און פאַרקלאָגט, און מאַסערט... און — װער זאָל העלפן, אז נישט דער רעבע?

אזוי האָט דער אוילעם געטראַכט.

איינמאָל איז אָבער אָנגעקומען א ליטוואַק, לאַכט ער! איר קענט דאָך די ליטוואַקעס: פון מוסער־ספאָרים האַלטן זיי ווייניק, דערפאַר שטאָפּן זיי זיך אָן מיט שאַס אוּפּאָסקים. ווייזט דער ליטוואַק א בעפּיירושע געמאָרע — די אויגן שטעכט ער אויס. אַפּילע מוישע ראַבּיינו, ווייזט ער, האָט בּאַם לעבּן נישט געקאָנט אַרויף אַפן הימל, נאָר געהאַלטן זיך צען טפאָכים אונטערן הימל! נו, גיי שפּאַר זיך מיט א ליטוואַק!

— ווּ־דען קומט אַהין דער רעבּע?

— מיין דייגע! — ענטפערט ער און ציט מיט די אַקסל, און טויב קעדיי דיבּער (וואָס א ליטוואַק קען!) איז ער זיך מעיאַשעוו, צו דערגיין די זאַכן.

נאָך דעמזעלבּן פאַרנאַכט, באַלד נאָך מייריעוו, גאַנוועט זיך דער ליטוואַק צום רעבּן אין כיידער אַריין, לייגט זיך אונטערן רעבּנס בעט, און ליגט. ער מוז אָפּוואַרטן די נאַכט און זען, ווּ דער רעבּע קומט אַהין, וואָס ער טוט סליכעס־צייט.

אן אַנדערער וואָלט עפּעס איינגעדרעמלט און פאַרשלאָפן די צייט; א ליטוואַק טוט זיך אן אייצע: לערנט ער זיך אויסוויינִיק א גאַנצע מעסיכטע!

פאַרטאָג הערט ער, ווי מען קלאַפּט צו סליכעס.

דער רעבּע איז שוין נישט געשלאָפן א צייט. ער הערט אים שוין עפּעס א גאַנצע שאָ קרעכצן.

ווער עס האָט געהערט דעם נעמיראָווער קרעכצן, ווייס, וויפיל צאַר פאַר קאָל־יִסראָעל, וויפיל יִסורים עס האָט געשטעקט אין זיין יעדן קרעכץ... די נעשאָמע פלעגט אויסגיין, הערנדיק דאָס קרעכצן! א ליטוואַק האָט דאָך אָבער אן אייזן האַרץ, הערט ער צו און ליגט זיך ווייטער! דער רעבּע ליגט זיך אויך: דער רעבּע, זאָל לעבּן, אַפן בעט, דער ליטוואַק אונטערן בעט.

דערנאָך הערט דער ליטוואַק, ווי די בעטן אין הויז הייבּן אָן סקריפּען... ווי די בעלעבּאַטים כאַפּן זיך אַרויס פון די בעטן, ווי מען מורמלט א יִדיש וואָרט, מען גיסט וואַסער אַף די נעגל, עס קלאַפּן אויף און צו די טירן... דערנאָך איז דער אוילעם אַרויס פון שטוב, עס ווערט ווייטער שטיל און פינצטער, דורכן לאָדן שיינט קוים אַריין א קליין ביסל ליכט פון דער לעוואָנע...

מודע האָט ער געוועזן, דער ליטוואַק, אַז ווען ער איז געבּליבּן איינער אַליין מיטן רעבּן, איז אים באַפאַלן אן איימע. די הויט איז שוין אים אופגעלאָפן פאַר שרעק, די וואָרצלעך פון די פּייעס האָבּן אים געשטאָכן אין די שלייפן ווי די נאָדלען.

א קלייניקייט: מיטן רעבּן, און סליכעס־צייט, פאַרטאָג, אַליין אין שטוב!...

י. ל. פּערעץ

א ליטוואק איז דאָך אָבער איינגעשפּאַרט, ציטערט ער ווי א פיש אין וואַסער און ליגט. —

ענדלעך, שטייט דער רעבע, זאָל לעבן, אויף...

פרייער טוט ער וואָס א ייד דאַרף טאָן... דערנאָך גייט ער צו צו דעם קליידער־אַלמער און נעמט אַרויס א פּעקל... עס באַווייזן זיך פייערשע קליידער: לייוונטענע פּלודערן, גרויסע שטיוול, א פּערמיענגע, א גרויס פוטערן היטל מיט א ברייטן לאַנגן לעדערנעם פּאַס, אויסגעשלאָגן מיט מעשענע נעגעלעך.

דער רעבע טוט עס אָן...

פון דער קעשענע, פון סיערמיענגע, שטאַרט אַרויס אן עק פון א גראָבן שטריק... פון א פייערשן שטריק!

דער רעבע גייט אַרויס; דער ליטוואַק — נאָך!

דורכגייענדיק, טרעט אָפּ דער רעבע אין קיך, בויגט זיך איין, פון אונטער א בעט נעמט ער אַרויס א האַק, פאַרלייגט זי אונטערן פּאַס און גייט אַרויס פון שטוב.

דער ליטוואַק ציטערט, נאָר ער טרעט נישט אָפּ.

א שטילער, יאָמים־נוראָימדיקער פּאַכעד ווינט זיך איבער די טונקעלע גאַסן. אָפּט רייסט זיך אַרויס א געשריי פון סליכעס פון ערגעץ א מיניען, אָדער א קראַנקער קרעכץ פון ערגעץ א פענצטער... דער רעבע האַלט זיך אַלץ אין די זייטן פון די גאַסן, אין די שאָטנס פון די הייזער... פון איין הויז צום אַנדערן שווימט ער אַרויס און דער ליטוואַק נאָך אים...

און דער ליטוואַק הערט, ווי זיין אייגנס האַרץ־קלאַפּן מישט זיך צוזאַמען מיטן קאָל פון רעבנס שווערע טריט; אָבער גיין גייט ער, און קומט צוזאַמען מיטן רעבן אויס דער שטאָט אַרויס.

הינטער דער שטאָט שטייט א וועלדל.

דער העבע, זאָל לעבן, נעמט זיך אין וועלדל אַריין. ער מאַכט א דרייסיק־פערציק טריט און שטעלט זיך אָפּ בא א ביימל און דער ליטוואַק ווערט ניוואַהאַל אומישטוימעם, זעענדיק, ווי דער רעבע נעמט אַרויס פון פּאַס די האַק און שלאָגט אין ביימל אַריין.

ער זעט, ווי דער רעבע האַקט און האַקט. ער הערט ווי דאָס ביימל קרעכצט און קנאַקט. און דאָס ביימל פאַלט, און דער רעבע שפּאַלט עס אָף ליפּעס... די ליפּעס — אָף דינע שייטלעך; און ער מאַכט זיך א בינטל האָלץ, נעמט עס אַרום מיטן שטריק פון קעשענע, ער וואַרפט דאָס בינטל האָלץ איבער די פּלייצעס, שטעקט צוריק אַריין די האַק אינעם פּאַס, לאָזט זיך אַרויס פון וואַלד און גייט צוריק אין שטאָט אַריין.

אין א הינטערגעסל שטעלט ער זיך אָפּ בײַ אַן אָרעם, האַלב אײַנגעבראָכן הײַזל און קלאַפּט אָן אין פֿענצטערל.

— ווער איז? פֿרעגט מען דערשראָקן פֿון שטוב אַרויס. דער ליטוואַק דערקענט, אַז עס איז אַ קאָל פֿון אַ ייִדענע, פֿון אַ קראַנקער ייִדענע.

— יאָ! ענטפֿערט דער רעבע אויף פּויעריש לשון.

— קטאָ יאָ? פֿרעגט מען ווײַטער פֿון שטוב.

און דער רעבע ענטפֿערט ווײַטער, אויף מאַלאָראָסיש לשון: וואַסיל!

— וואָס פֿאַר אַ וואַסיל און וואָס ווילסטו, וואַסיל?

— האָלץ, זאָגט דער פֿאַרשטעלטער וואַסיל, האָב איך צו פֿאַרקויפֿן! זייער ביליק... בעצאָצי כּינעם האָלץ!

און, ניט וואַרטנדיק אויף אַ טשוווע, נעמט ער זיך אין שטוב אַרײַן.

דער ליטוואַק גאַנוועט זיך אויך אַרײַן און, בײַם גרויען ליכט פֿון פֿרײַען מאָרגן, זעט ער אַן אָרעמע שטוב, צעבראָכן, אָרעם קלײ־בײַם... אין בעט ליגט אַ קראַנקע ייִדענע, פֿאַרוויקלט מיט שמאַטעס, און זי זאָגט מיט אַ ביטער קאָל:

— קויפֿן? מיט וואָס זאָל איך קויפֿן? ווו האָב איך, אָרעמע אַלמאָנע, געלט?

— איך וועל דיר באָרגן! ענטפֿערט דער פֿאַרשטעלטער וואַסיל, אינגאַנצן זעקס גראָשן!

— פֿונוואַנען וועל איך דיר באַצאָלן? קרעכצט די אָרעמע ייִדענע.

— נאַריש מענטש — מוסערט זי דער רעבע, — זע, דו ביסט אַן אָרעמע קראַנקע ייִדענע און איך געטרוי דיר דאָס ביסל האָלץ, איך בין בּאָטוואַך, אַז דו וועסט באַצאָלן; און דו האָסט אַזאַ שטאַרקן, גרויסן גאָט, און געטרויסט אים נישט... און האָסט אויף אים, אויף נאַרישע זעקס גראָשן פֿאַרן ביסל האָלץ, קיין ביטאָכן נישט!

— און ווער וועט מיר אײַנהייצן? קרעכצט די אַלמאָנע, — איך האָב דען קויאַך אויפֿצושטיין? מײַן זון איז אויף דער אַרבעט געבליבן.

— איך וועל דיר אײַנהייצן אויך — זאָגט דער רעבע.

און, אַרײַנלייגנדיק דאָס האָלץ אין אויוון, האָט דער רעבע, קרעכצענדיק געזאָגט פֿון סליכעס דעם ע ר ש ט ן פּיזמען...

און, אַז ער האָט עס אונטערגעצונדן און דאָס האָלץ האָט פֿריילעך געברענט, האָט ער געזאָגט, שוין אַ ביסל לוסטיקער, פֿון די סליכעס דעם צ ו ו י י ט ן פּיזמען...

דעם דריטן פּיזמען האָט ער געזאָגט, ווען עס האָט זיך אויסגעברענט און ער האָט די בלעך פֿאַרמאַכט...

דער ליטוואַק, וואָס האָט אַלץ געזען, איז שוין געבליבן אַ נעמיראָווער כאָסיד.

און שפּעטער, אויב אַ כאָסיד האָט אַמאָל דערציילט, אַז דער נעמיראָווער הייבט זיך־אויף, סליכעס־צייט, יעדן פרימאָרגן, און פליט אַרויף אין הימל אַריין, פלעגט שוין דער ליטוואַק נישט לאַכן, נאָר צוגעבן שטילערהייט:

אויב נישט נאָך העכער!

פון „אַ גילגל פון אַ ניגון".

— אַ טאַלנער ניגון ווילט איר?

נעמט אַ ניגון פון אַ טאַלנער שאַלעש־סודעס און נאָכזינגען! עס איז אָבער נישט אַזוי ווי עס דאַכט זיך! דאַכט זיך, אין פלוג אַ קלייניקייט — נעמען אַ ניגון פון אַ טאַלנער שאַלעש־

דער טאַלנער ניגון מוז געזונגען ווערן בערוויוו אָמ; בעוורע מוז אים זינגען! אונטערהעלפן ווילט איר? ניין, ברודער! מיט דער הילף פון פוילישע כסידים זינגט זיך נישט קיין טאַלנער ניגון!

איר האָט גאָר קיין האָסאָגע, קיין יעדיִע אין נעגינע!

איך הער דאָך אייערע קלעזמאָרים, אייערע כאַזאָנים! עס גרימפּלט זיך, נישט עס שפּילט און באַם זינגען רייסט איר אייך, ווי געקוילעטע הענער! אַפילע די סיניי־ניגונים קומען בא אייך אַרויס מעשונע ווילד... און אייערע מאַרשן, אייערע קאַזאַקלעך? זיי זיינען נאָך ווילדער ווי אייערע טנועס און האַוואַיעס! איר זאָגט, עס איז כסידעס!... בא אונדז זיינען אַנדערע כסידים!...

פון וואַנען מיר האָבן נעגינע? עפּשער קומט עס שוין בעיערושע און עפּשער ליגט עס אין דער געגנט!

אין אונדזער קיעווער געגנט איז ניטאָ קיין הויז אָן אַ פידעלע!

אַ באַלעבאַטיש קינד, אָדער, ווי מען זאָגט אין יענע קאַנטן: אַ טאַטנס אַ קינד, מוז האָבן אַ פידעלע, מוז קענען שפּילן...

איר ווילט וויסן, וויפל מאַנסלייט עס געהערן צו אַ שטוב? קוקט אָפּ די ווענט! וויפל עס הענגען פידעלעך, אַזויפיל מאַנסלייט!

אַלע שפּילן: עס שפּילט דער זיידע, עס שפּילט דער פאָטער, עס שפּילט דער זון...

עס איז נאָר אַ שאָד, וואָס יעדער דאָר שפּילט אַנדערש, שפּילט באַזונדער!

דער אַלטער זיידע שפּילט סיניי־ניגונים אָדער אַזוי באַזאָנישע זאַכן: אַ „קאָלנידריי", אַ „שושאַנאַס־יאַקויוו", — אַ דיינע וואָס? — דער פאָטער, אַ כסידישער מענטש, צעגייט זיך אין אַ גוט־יידישן שטייגער! דער זון ווייטער — שפּילט שוין פון נאָטן! מען שפּילט שוין גאָר פון טעאַטער!

אזוי ווי דער דאָר, אזוי איז דער ניגון!

— וואָס טוען חסידים, אז עס פעלט א ביסל בראָנפן? רעדט מען פון בראָנפן!... זינגען איינער אליין, אָן כעוורע, אָן א ברען פון אוילעם, קען מען נישט; וועלן מיר ריידן פון נעגינע...

נעגינע, מוזט איר וויסן, איז א גרויסע זאך! גאנצע טאָלנע איז געשטאנען אף מעלאָווע־מאַלקעס, און דער איקער מעלאָווע־מאַלקע איז געווען דער ניגון!

עס ווענדט זיך נאָר, ווער עס זינגט און וואָס ער זינגט...

מיט די איינענע ציגל קען מען שטעלן א שול און א קלויסטער, א פאלאץ און א טפיסע, און גאָר א העקדעש!

מיט די אייגענע אויסיעס שרייבט מען סוידוים האטוירא און, לעהאוודל, דאָס גרעסטע אפיקורסעס! און מיט די אייגענע קוילעס קען מען ארוף צו דער העכסטער מאדריינע פון היסלאוועס און דווייקעס, און מען קען אראָפּ ביזן שעאויל טאכטיע און וואלגערט זיך דאָרט ווי א וואָרעם אין בלאָטע!

א בריוול — ווי מען ליינט עס; א ניגון — ווי מען זינגט אים!

נעמט, לעמאָשל, א „פריילעכס"; קען זיין א טאלנער שאבעס־שירע־דיקע מעלאָווע ־ מאלקע, — א סימכע פון מיצוועס און מיסים־טויווים; און עס קען זיין די פרייד פון אן אויסגעלאסענעם פויגל אין א העפקער־וועלט!

א ניגון ברענט, טאקע „טויכוי ראָצוף אהאווא" — אויסגעווייקט איז ער מיט ליבשאפט; נאָר ליבשאפטן זיינען פאראנענע אסאך: עס איז פאראנען אהאוואס האמאָקוים, אהאוואס האברייוים, א ליבשאפט צו קאָל־יִיסראָעל...

איינער אָבער האָט נאָר זיך אליין ליב.

א ניגון קלאָגט זיך, א ניגון וויינט, נאָר איינער וויינט אפן נאָכאָש, אפן פארלאָרענעם גאניידן, א צווייטער — אף גאָלוס האשכינע, אף כורבן בייס האמיקדעש, אף אונדזער דאָלעס און שיפלעס!... „רעיי אמידאָסיינו..." קלאָגט ער זיך, דער ניגון...

נעמט כאָטש דאָס לידל:

ר' דאָווידל האָט געוווינט אין וואסילקאָוו — אין וואסילקאָוו
און היינט וווינט ער אין טאלנע;
ר' דאָווידל, ר' דאָווידל, האָט געוווינט אין וואסילקאָוו,
היינט וווינט ער אין טאלנע!...

עס זינגען עס טאלנער, עס זינגען עס וואסילקאָווער! נאָר אז די טאלנער זינגען, איז עס אן עמעס „פריילעכס", שפריצט עס און ברענט מיט סימכע, מיט טיינעס; זינגען עס אָבער וואסילקאָווער, איז עס אויסגעווייקט מיט צאר און מאָרע־שכוירע! און ווענדן ווענדט זיך עס אין דער נעשאָמע, וואָס מען גיט אריין אין ניגון...

— — — — — — — — — — — — — — — —

דער ניגון, מוזט איר וויסן, איז א סאך־האקל פון קוילעס, אָדער, ווי יענע זאָגן — טענער.

די קוילעם אָדער די טענער נעמט מען פון דער טעווע; זיי איז קיינער נישט מעכאַדעש, און אין דער טעווע פעלט נישט קיין קוילעם. אַלץ האָט אַ קאָל, זײַן אייגענעם קלאַנג, אויב נישט נאָר אַ גאַנצן ניגון!

די נאַלגאַלים, האָבן מיר אַ קײַמע־לאָן, זינגען; טאָג און נאַכט — „יוים־ליוים... לײַלאָ לעלײַלאָ"... האָבן זייער זעמער... מענטשן און פייגל זינגען, כאַיעס און בעהיימעס זאָגן שירע... אַ שטיין אָן אַ שטיין קלאַפּט, מעטאַל קלינגט... וואַסער, אַז עס לויפט, שווײַגט עס ניט; הײַנט אַ וואַלד! באַם קלענסטן ווינטל, זינגט ער דאָך אַ „וואָלאָכ", אַן עמעסן, שטילן, זיסן וואָ־לאָכ! און די באַן, לעמאָשל, — די כײַע־ראָע, מיט די רויט־פלאַמענדיקע אויגן, אַז זי לויפט, באַטויבט זי נישט מיט איר געזאַנג? אַפילע די שטומע פיש, האָב איך אין אַן אַלט סייפער געזען, גיבן אויך אַמאָל אַרויס פון זיך אַ קאָל נעגינע. טייל פיש, שטייט אין סייפער, שווימען פון צײַט צו צײַט צו צום ברעג, קלאַפּן מיט די עקן אין זאַמד, אַף אַ שטיין און זינגען זיך דערמיט מעכאַיע!

ווייניק קוילעם? מען דאַרף נאָר האָבן אַן אויער, עס זאָל די קוילעם אופכאַפּן ווי אַ נעץ, אײַנזאַפּן ווי אַ שוואָם!

נאָר פון טענער אַליין איז נאָך קיין ניגון נישט!

אַ הויפן ציגל איז נאָך נישט קיין הויז!

דאָס איז ערשט דער גוף פון ניגון; ער דאַרף נאָך אַ נעשאָמע!

און די נעשאָמע פון אַ ניגון איז שוין אַ געפיל פון אַ מענטש:

זײַן ליבשאַפט, זײַן צאַר, לײַטזעליקײַט, נעקאָמע, האַרצבענקעניש, כאַראַטע, צאַר, — אַלץ, אַלץ, וואָס אַ מענטש פילט, קאָן ער אַרײַנגעבן אין אַ ניגון און דער ניגון — לעבט.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

וואָרים איך, ראַבויסײַ גלויב, אַז דאָס, וואָס מיר איז מעכאַיע, מוז אַליין האָבן אַ כויעס, לעבט אַליין!

און הײַנט, אַז אַ ניגון איז מיר מעכאַיע, אַז איך באַקום פון אַ ניגון אַן עמעס כויעס, אַ נײַע נעשאָמע, זאָג איך, אַז אַ ניגון לעבט...

און וועהאָ ראַיע: נעמט אַ ניגון און צעשנײַדט אים, זינגט אים קאַפּויר, כאַפּט פריִער אַרויס די מיט און דערנאָך זינגט די האַסכאָלע מיטן סאָף, נו, האָט איר אַ ניגון? בעסאַך־האַקל האָט איר אַלע קוילעם, עס פעלט אײַך קיין איינציקער טאָן, נאָר די נעשאָמע איז אַרויס! איר האָט אַ לעבעדיקע ווײַסע טויב געקוילעט און אונטערן מעסער איז אַרויס די נעשאָמע!

עס איז געוואָרן אַ מעס, אַ באַר־מינאַן פון אַ ניגון!

אין טאַלנע איז באַרור קאַשעמעש, אַז ניגון לעבט!

— — — — — — — — — — — — — — — — —

און אַ ניגון לעבט, און אַ ניגון שטאַרבט; און מען פאַרגעסט אַ ניגון, ווי מען פאַרגעסט אַ שויכן־אָפּאָר!

יונג און פריש איז ער אמאל געווען, דער ניגון! מיט פריש לעבן האט ער געשפריצט... מיט דער צייט איז ער אפגעשוואכט געווארן, ער האט אפגע־לעבט זיין צייט און די קויכעס זיינען אים אויסגעגאנגען... אוואר אובאטל איז ער געווארן... דערנאך איז זיין לעצטער הויך אריין אין דער לופט און ערגעץ פארשטיקט געווארן — וועיינענו!

נאר א ניגון קען אופשטיין טכיאס האמייסים...

פלוצים דערמאנט מען זיך אן אלטן ניגון, ער שווימט פלוצים ארויס און רייסט זיך פון מויל אראפ... נישט ווילנדיק, לייגט מען אין אים אריין א ניי געפיל, א נייע נעשאמע, און קימאט א נייער ניגון לעבט...

דאס איז שוין א גילגל פון א ניגון...

שעהאסימכע בימעוינוי.

זיי שרייען אלץ איניינעם: אוילעם־האזע!

אוילעם־האזע ווילן זיי, לוסטיק ווילן זיי זיין, פרייליך... סימכע ווילן זיי האבן, א טאם פון לעבן פילן...

— און איך זאג אייך: ש ע ה א ס י מ כ ע ב י מ ע ו י נ ו י...

די קוואל פון סימכע איז ער... פון א י ם שטראלט זי ארויס! סימכע שטעקט אין דער טוירע, אין מיצוועס און מייסים טויווים, אין נעשאמעס פון צאדיקים, — אין אלעם דעם, וואס האט א י ע נ י ק ע פ ו ן ד א ר ט! פון גלאנץ פון קיסיי־האקאוועד!

אפן גאנצן אוילעם־האזע — זאג איך אייך — ליגט א טרויער, א מארע־שכוירע; אלץ איז איינגעטונקט און איינגעהילט אין א צ ו ו ע ס, אין אומעט... ווארום וואס? א ו ל ע ס י מ כ ע מ א ז ו א ו י ס ע? מיט וואס האט מען זיך צו פרייען?

און דעריבער דארף יעדע זאך טיקון... יעדע זאך מוז אויסגעלייזט ווערן פון דער מארע־שכוירע, פון דער פארגליווערטקייט, אין וועלכע אלץ פארפאלט, אן דעם שטראל פון ז י י נ גנאד!

א „וועהא רייע”:

מ י ר טרינקען און ז י י טרינקען...

וואס פאר א טאם האט א טרונק־בראנפן אין שענק... און — וואס פאר א טאם האט א טרונק - בראנפן אין שטיבל בא א סיעם, בא א יארצייט, אדער גלאט בא א פאשעטן שאלעש־סודעס!

בא זיי לאזט זיך דער בראנפן נישט טרינקען, און עס גלוסט זיך אים גארנישט צו טרינקען; נאר דער יעיצער־הארע הייסט! ער רעדט אן און זיי

פאָלגנ... דעריבער נעמט מענ א קאפּ אונ מענ פארקרימט זיכ — די נעשאָמע אינ מענטש שרומפּט זיכ איינ, ציט זיכ צוזאמענ פאר ווייטיק, דעריבער פאלט איינ די הויט. אונ קנייטשט זיכ ווי א פּארמעט...

מאכט מענ אָבער איבער דער מאשקע א בראָכע, טרינקט מענ זי לעשעם מיצווע, איז מענ זי מעסאקנ... לאָזט זיכ די מאשקע טרינקענ אונ די נעשאָמע האָט נאכעס פונ טרינקענ אונ ווילל טרינקענ!..

זיי רימענ זיכ, אז זיי עסנ מיט דערעכ־ערעצ! נו, האָב נישט קיינ דערעכ־ערעצ, אז מענ איז פארגליווערט, פאַרשטאַרט אונ פארכווישעכט ווי אנ אלטער, איינגעפאלענער קוימענ, וואָס האָט שוינ לאנג קיינ פונק פייער ניט געזענ...

זיצנ זיי טאקע שטייפ אונ קאלט ווי אייז: איינער קענ דעם צווייטנ נישט ליידנ, א טאטע מיט א זונ קענענ פונ איינ שיסל ניט עסנ! אפילע זאלצ־מעסטעלעכ שטעלט מענ יעדנ באזונדער... פונוואנענ זשע זאָל זיינ סימכע?

סימכע שטעקט אינ דער נעשאָמע, אונ וואָס האָט די נעשאָמע דערפונ, אז דער גופּ פרעסט!

אונ דאָס איז טאקע דער סאָד פונ טרומעס אומייסרעס, פונ כאלע נעמענ, פונ פארצייטישע אָרעמע סודעס, פונ אנ אויראכ בעטנ צום טיש... פונ בראָכעס מאכנ, פונ זמירעס זינגענ...

זיי ווילנ פריילעכ זיינ! גאָרנישט אָפּגעטיילט פאר א מיצווע־זאכ, אָנ א בראָכע, אָנ זמירעס, אונ נעמט מענ פאר בושע אהיימ אנ אויראכ, זעצט מענ אימ אוועק בא די דינסטנ אינ קיכ...

אינ קיכ איז עפּשער פריילעכ — נאָר אינ די שטיבער, זאָג איכ איינ, אינ די שטיבער איז טויט, טויט, ווי אלע טויטע!

איכ הער ווי איר לייענט אייערע שירימ... פונ דער לעוואָנע האָט איר שטארק נאכעס... איכ הער דאָכ: די שיינע זיסע בלאסע לעוואָנע, זאָגט איר... אונ פונ קויכאָוויט־אומאזאָלעס רעדט איר מיט לויב. אונ אויכ פונ דער מעזוע, פעלדער, וועלדער, טייכנ...

א י כ זאָג איינ: פרישע לופט איז, עמעס, ביפראט, אז מענ ליידט אפ דער ברוסט — א רעפוע שליימע! נאָר סימכע אינ דער טעווע האָב א י כ געפילט (איכ בינ דאָכ אויכ אמאָל יונג געוועזנ) פאר הוישיינע־ראבע... פארטאָג א גראָער הימל — שטיל, — צווישנ סטראָסטינעס רינט דער טייכ... פיק־פיק! רופט זיכ פונ ערגעצ אָנ א נעפעשל, — טס־טס! א אנדערש... אונ איכ גיי מיר באָמ ברעג אונ שנייד מיר הוישיינעס...

פונ קויכאָוויט אומאזאָלעס איז דאָכ נישטא וואָס צו ריידנ... גאָר די לעוואָנע, פונ וואָס מיינט איר האָט זי איר כיינ באקומענ?

פונ אונדזער קידעש־לעוואָנע!...

גלויבט מיר, ווען נישט קידעש־לעוואָנע, ווען נישט דאָס ליכט, וואָס מיר שיקן ארופ צו דער לעוואָנע — וואָלט זי אויסגעזען נאריש, נאָר נאריש, אזוי נאריש ווי א צינערנער העקדעש־טעלער!

נאָך א וועהאָ־רײַע — אַ עמעסע מײַסע!

אמאָל אַ'ז געווען א בען־מעלעך איז ער געווען אָנגעזאָפּט מיט מאָרע־שכוירע... די דאָקטוירים האָבן געוואָלט דערקלערן, פונוואַנען די מאָרע־שכוירע נעמט זיך: האָבן טייל געזאָגט, אז ער האָט שלעכטע אויגן, אז אלץ, אף וואָס זיי קוקן, קומט ארויס געל, גרין און געל... מען האָט אָבער געזוכט אלערליי ברילן צו די אויגן און קיין איינציקע האָט נישט געהאָלפן...

אנדערע האָבן דערקלערט, אז ער האָט עפּעס געמוזט יונגערהייט אײַנשלינגען, עפּעס א טאָמע בײַעלע, און עס האַלט זיך אין דער נעשאָמע און פארמיִעסט איר דאָס לעבן, האָט מען צו דעם אויך קיין רעפּוע נישט!

ווי עס איז, דער מײַלעך האָט אים געוואָלט ראַטעווען, פריילעך מאַכן, מעסאמייעך זיין, ער האָט אים געקויפט זילבערנע און גאָלדענע קיילים... פון דער גאַנצער וועלט האָט מען אים צונויפגעפירט אלערליי בעסאָמים, אלערליי קריסטאָלן און אזוי טײַערע כפייצים — עס האָט נישט געהאָלפן!

מען האָט אים געשטעלט א פאַלאַץ אין א גאָרטן, און אין דעם גאָרטן האָט מען געפלאַנצט אלערליי ביימער, אלערליי געוויקסן און בלומען; מען האָט אויס־געשיט די וועגן מיט גאָלדיקן זאמד; מען האָט אויסגעגראָבן א טײַך און פארגאָסן מיט פריש קוואַל־וואסער, לעבעדיק וואסער, און אפן וואסער האָבן געשווומען די ווײַסע גענדז, מיט די לאַנגע ווײַסע העלדזער, וואָס וויגן זיך אפן וואסער אזוי רויק, אזוי שיין, ווי די נעשאָמעס אין גאַניידן — — עס האָט אלץ נישט געהאָלפן...

און אף אלעמ, — זאָגט דער בען־מעלעך, — ליגט א מאָרע־שכוירע, דער בוים וואקסט, זאָגט ער, מיט מאָרע־שכוירע, די בלומען בליִען מיט מאָרע־שכוירע, דאָס וואסער — זאָגט ער — וויינט אין דער שטיל, גלײַך עס וואָלט אף עפּעס געטרויערט, און די ווײַסע גענדז דערמאָנען אים נאָר אין טאכריכים.

און די זיסע פּיירעס, די ווײַן־עפּל, די גראַנאַטן, די ווײַנטרויבן, אלץ — זאָגט ער — איז ביטער, ביטערלעך און גורנע...

דאָס ערגסטע איז געווען, אז דער בען־מעלעך האָט אין גאָרטן, אין וואסער אָדער אין פאַלאַץ אין א שפּיגל זײַן אייגן פּאָנעם דערזען...

— איך בין טויט, פלעגט ער שרײַען, אף מײַן פּאָנעם ליגט נישט קיין שײַן פון לעבן...

און איינמאָל האָט זיך פלוצים אלץ פאַרענדערט!

דער בען מעלעך האָט זיך פלוצים צעלאַכט!

פלוצים איז אלץ אין גאָרטן געוואָרן גרין און לעבעדיק און שיין — אלץ האָט אָנגעהויבן לעבן און ער אויך.

און וואָס, מיינט איר, איז געשען? א קלייניקײַט!

אפנ וועג, פארבײַ דעם גאָרטנ, איז געגאַנגענ א צאדיק, מיד אונ פאר־שמאכט איז ער געגאנגענ: אפּ אויסצולײזנ געפאנגענע אָדער אפּ אנ אנדער מיצ־ווע, איכ ווײס?

נאָר מיד איז ער געוועז אונ געליטנ האָט ער הונגער אונ דאָרשט. אָט אָט וועט דער צאדיק כאלעשנ, ער וועט פאלנ! דאָס וויל מענ אָבער אינ הימל ניט דערלאָזנ.

רײַסט זיכ אָפּ אנ עפּל פונ בוים אונ פאלט דעם צאדיק צו די פיס...

הייבט ער אופ דעם עפּל, מאכט א בראָכע, בײַסט ארײַנ — אונ שוינ! בעויסוי־האָרענע איז פונ אלעם אראָפּ די מאָרע־שכוירע, פארשווונדנ דער קישעפ, אלצ איז געוואָרנ מאָלע־סימכע! וואָרום ווי איכ זאָג אײַכ: שעהאַ־סימכע בימעוינוי.

צווישנ צוויי בערג.

פונ בריסקער ראָוו אונ ביאלער רעבנ האָט איר אוודע געהערט, דאָכ נישט אלע ווײסנ, אז דער ביאלער צאדיק, רעב נויעכקע, איז פריִער געוועזנ דעם בריסקער ראָווס א טאלמיד מוּוהעק, אז ער האָט בא אימ געלערנט א שײַנע פּאָר יאָר אונ דערנאָכ ערשט איז ער נעלעמ געוואָרנ, אָפּגעהאלטנ א פּאָר יאָר „גאָלוס", אונ איז ניסגאלע געוואָרנ אינ ביאלע.

אונ אוועק איז ער מיהײַ טײַמע: מ'ענ האָט געלערנט טוירע, נאָר די טוירע, האָט דער רעבע געפילט, איז טרוקענע טוירע... מענ לערנט, לעמאָשל, א דינ באָסער בעכאָלאָוו, צי דינע מאָמענעס... זייער וויל! קומט רוּוונ וועשימענ האָבנ א דינ טוירע, קומט א מעשאָרעס א שײַלע פרעגנ, אָדער אנ איישע האָט א שײַלע, — קריגט בעאויסע האָרענע דאָס לערנענ א כױעס, לעבט עס אופ אונ עס האָט א מעמשאָלע אפּ דער וועלט. אָבער אזוי, אָנ זיי פילט דער רעבע, אז די טוירע, דאָס הייסט: דער גופ פונ דער טוירע, דער ניגלע, דאָס, וואָס עס ליגט פונ אויבנאויפ — איז טרוקנ. נישט דאָס, האָט ער געפילט, איז טוירא ס כײַ ים! — טוירע דארפ לעבנ! לערנענ אנדערע קאבאָלע־ספאָרימ האָט מענ אינ בריסק נישט געטאָרט. דער בריסקער ראָוו איז געוועזנ א מיסנאגעד אונ בעטעווע א נויקעמ וועגויטער ווי א שלאנג. האָט עמיצ אָנגערירט א זויהאר, א „פּארדעס" פלעגט ער שעלטנ, אינ כיירעמ ארײַנלייגנ! אײנעמ האָט מענ געכאפּט בא א קאָבאָלע־סייפער, האָט ער אימ געלאָזט אָפּנאָלנ די באָרד דורכ ארייליס! וואָס קלערט איר? דער מענטש איז יאָצע מידאטע געוואָרנ, אינ מאָרע־שכוירע ארײַנגעפאלנ. אונ, וואָס מער כידוש איז, עס האָט אימ שוינ קיינ גוטער ייִד נישט געהאָלפנ! — איר שפילט אײַכ מיטנ בריסקער ראָוו! אונ פונדעסטוועגנ, ווי פאָרט מענ עס אוועט פונ בריסקער ראָווס יעשיווע?!

א צײַט לאַנג האָט ער זיכ טאקע געשלאָגנ מיט דער דייע.

נאָר איינמאָל האָט מענ אימ געוויזנ א כאָלעמ. עס האָט זיכ אימ

געבאַלעמט, אַז דער בריסקער ראָוו איז צו אים אַרײַנגעקומען און געזאָגט: קום, נויאַך, וועל איך דיך פירן אין גאַניידן האַטאַכטוינו אַרײַן. און ער האָט אים אַנגענומען בײַ דער האַנט און געפירט. זיי זײַנען געקומען אין אַ גרויסן פּאַלאַץ אַרײַן. אין פּאַלאַץ איז נישט געווען, נישט קיין טיר און נישט קיין פענצטער, אויסער די טיר, דורך וועלכער זיי זײַנען אַרײַנגעגאַנגען. ליכטיק איז דאָך אין פּאַלאַץ געווען, ווײַל די ווענט, ווי עס האָט זיך דעם רעבן געדאַכט, זײַנען געווען פון קריסטאַל און האָבן געשלאָגן פון זיך אַליין אַ ליכטיקן גלאַנץ.

און זיי גייען אַזוי, און גייען און מען זעט נישט קיין סאָף.

— האַלט דיך אָן מײַן יופּעצע, — מאַכט דער בריסקער ראָוו — דאָ איז פאַראַנען סאַליעס איינע לעשאָער וועאיינ לעטאָפּער, און קוים רײַסטו דיך אָפּ פון מיר, וועסטו פאַרבלאָנדזשען אָפּ אייביק...

דער רעבע טוט אַזוי, און זיי גייען אַלץ ווײַטער און ווײַטער, און אָפּגאַנצן וועג זעט ער נישט קיין בענקל, קיין שום קליי־באַיִם, גאָרנישט!

— דאָ זיצט מען נישט, פאַרטײַטשט אים דער בריסקער ראָוו, נאָר מען גייט אַלץ ווײַטער און ווײַטער! — און ער איז אים נאָכגעגאַנגען. און איין זאַל איז גרעסער און ליכטיקער געווען פון דעם צווייטן, און די ווענט האָבן געשײַנט דאָ מיט דער, דאָ מיט אַן אַנדערער קאָליר; דאָ מיט עטלעכע, דאָרט מיט אַלערליי קאָלירן... נאָר קיין מענטשן האָבן זיי נישט געטראָפן אויפן וועג...

דער רעבע איז מיד געוואָרן גייענדיק. עס האָט אים באַגאָסן אַ שווייס, אַ קאַלטער שווייס. קאַלט איז אים אויך געוואָרן אין אַלע אייוורים. דערצו הייבן אים נאָך אָן די אויגן ווי צו טאָן פון באַשטענדיקן גלאַנץ...

און עס איז אים אָנגעפאַלן אַ שטאַרקע בענקשאַפט, אַ בענקשאַפט צו ייִדן, צו כאַווירים, צו קאָל יִסראָעל! אַ קליינינקײַט — מען זעט קיין ייִד נישט פאַר זיך!...

— בענק נישט צו קיינעם, — מאַכט דער בריסקער ראָוו — דאָס איז אַ פּאַלאַץ נאָר פאַר מיר און פאַר דיר... דו וועסט אויך אַמאָל זײַן בריסקער ראָוו?

און דער רעבע האָט זיך נאָך מער דערשראָקן און אָנגעכאַפּט זיך אָן דער וואַנט, נישט אומצופאַלן. און די וואַנט האָט אים אָפּגעבריט! נאָר נישט ווי פײַער בריט, נאָר ווי אײַז בריט!

— רעבע! — האָט ער אַ געשריי געטאָן, — די ווענט זײַנען אײַז, נישט קריסטאַל! פּאַשעט אײַז!

דער בריסקער ראָוו שווײַגט.

און דער רעבע שרײַט ווײַטער:

— רעבע, פירט מיך אַרויס פון דאַנען! איך וויל נישט זײַן אַליין מיט אײַך! איך וויל זײַן צוזאַמען מיט קאָל יִסראָעל!

און קוים האָט ער עס ארויסגעזאָגט, איז דער בריסקער ראָוו נעלעם געוואָרן און ער איז געבליבן איינער אליין אין פאלאץ.

קיין וועג, ווי אוים און ווי אײַן, ווייסט ער נישט; פון די ווענט שלאָגט אָפּ אים א קאלטער פאכאר, און דאָס בענקשאפט, צום א ייִד, צו דערזען א ייִד באַדיי א שוסטער, א שנײַדער, איז אלץ בײַ אים שטארקער און שטארקער געוואָרן. האָט ער אָנגעהויבן שטארק צו וויינען...

— „ריבוינע שעל אוילעם, האָט ער זיך געבעטן, — נעם מיך ארוים פון דאנען! בעסער אין גהענעם מיט קאָל יִסראָעל צוזאמען. איידער דאָ איינער אליין!".

און בעאויסע האָרגע, האָט זיך אים באוויזן א פראָסט ייִדל, מיט א רויטן באַלעגאָלישן גארטל אָפּ די לענדן, און א לאנגער בײַטש אין דער האנט. דאָס ייִדל האָט אים, שוויַינדיק, אָנגענומען באַם ארבל, ארויסגעפירט פון פאלאץ, און איז — פארשוואונדן געוואָרן. אזא כאָלעם האָט מען אים געוויזן!

אז ער האָט זיך אופגעכאפט פארטאָג, קוים וואָס עס האָט אָנגעהויבן גראָען, האָט ער פארשטאנען, אז עס איז נישט קיין פראָסטער כאָלעם געוועזן. ער האָט זיך געשווינד אָנגעטאָן און געוואָלט לויפן אין בעס־מעדרעש אריין, לאָזן זיך פויסער־כאָלעמ זײַן פון די לאָמדים, וואָס נעכטיקן אין בעס־מעדרעש. דורכגייענדיק דעם מארק, האָט ער אָבער דערזען א שטייענדיקע בויד, אן אײַנגעשפאנטע גרויסע, פארצײַטישע בויד, און בײַ דער בויד איז געשטאנען א באַלעגאָלע, מיט א רויטן גארטל ארום די לענדן, א לאנגע בײַטש אין דער האנט. און פונקט אזא ייִדל, ווי דער, וואָס האָט אים אין כאָלעם ארויסגעפירט פון פאלאץ.

שטויסט ער זיך, אז „דעוואָרים בעגנוי"; גייט ער צו און פרעגט:

— וווּ אהין פאָרט א ייִד?

— נישט דײַן וועג! ענטפערט דער באַלעגאָלע גאָר גראָב.

— פאָרט? — בעט ער זיך, — עפּשער וועל איך מיטפאָרן!

דער באַלעגאָלע האָט זיך א ביסל פארטראכט און דערנאָך געענטפערט.

— און צו פוס, — זאָגט ער, — קען אזא באָכער נישט גיין? גיי דײַן וועג!

— און וווּ אהין זאָל איך גיין?

— וווּ די אויגן וועלן דיך טראָגן, — ענטפערט דער באַלעגאָלע און דרייט זיך אָפּ, — מײַנע דײַנע!

דער רעבע האָט פארשטאנען, און האָט זיך געלאָזט אין גאָלוס אריין!

ווי געזאָגט, ניסגאָלע איז ער געוואָרן עטלעכע יאָר שפעטער אין ביאלע. (אייד מיפּי אייד, ווי אזוי עס איז געוועזן, דערציייל איך נישט, כאָטש עס איז מויל און אויערן אופצושטעלן!) און לעערעך א יאָר נאָך זײַן היסגאלוס, האָט

מיט א ביאַלער באַלעבאָס, ר׳ יעקבֿעל האָט ער געהייסן, אַראָפּגעבראַנגט צו זיך פאַר א מעלאַמעד.

לעכאַטכילע האָב איך אַפילע נישט געוואָלט אָננעמען דאָס מעלאַמדעס, רעב יעקבֿעל, מוזט איר וויסן, איז געווען אַן אוישער, א פאַרציַיטישער, אָנגע־שטאָפּטער אוישער. די טעכטער פלעגט ער געבן צו טויזנט רענדלאַך נאַדן און טאָן מיט די גרעסטע ראַבאָנים, און זיַין לעצטע שנור איז געווען טאַקע דעם בריסקער ראָווס טאָכטער!

פאַרשטייט איר דאָך אַליין, אַז אויב דער בריסקער ראָוו מיט די רעשט מעכוטאָנים זיַינען בוילקים, מוז רעב יעקבֿעל אויך זיַין א בוילעק... און איך בין דאַווקע א ביאַלער כאָסיד, נו — ווי לאָזט מען זיך אין אַזא הויז אַריַין?

האָט עס מיך אָבער פאָרט געצווונגען קיין ביאַלע! א קלייניקיַיט — מיטן רעבן אין איין שטאָט! געקלערט אַהין, געקלערט אַהער, איך פאָר!

און רעב יעקבֿעל אַליין, האָט זיך אויסגעוויזן, איז אַן עמעס פאָשעטער, קאָשערער ייִד, איך בין איַיך אַפילע אָרעוו, אַז זיַין האַרץ האָט געצויגן צו א רעבן ווי מיט צוואַנגען. וואָרום בעעמעס, קיין לאַמדן איז ער נישט געווען, אַפן בריסקער ראָוו פלעגט ער אַוואַדע קוקן ווי א האָן אַפן בניי אָדעם! ווערט ער מיר נישט צו האַלטן זיך אין ביאַלער רעבן, נאָר ער אַליין איז זיך מיסראַכעק. אַז איך דערציי̈ל עפּעס פון רעבן, מאַכט ער זיך געניצן, באָטש די אויערן, זע איך, שפּיצט ער אויף. נאָר דער זון זיַינער, דעם בריסקער ראָווס איידים, דער קנייטשט איַין דעם שטערן, קוקט אַף מיר מיט קאַס און לייצאָנעס צוזאַמען, נאָר שפּאָרן שפּאָרט ער זיך נישט; ער פלעגט בעטעווע ווייניק ריידן.

וואַיעהי האַיוים — רעב יעקבֿעלס שנור, דעם בריסקער ראָווס טאָכטער, דאַרף גיין צו קינד! דאַכט זיך, מאַלע א וועַיבל גייט צו קינד? איז אָבער א מיַיסע דערביַי! געוווּסט האָט מען, אַז דער בריסקער ראָוו, וויַיל ער האָט א כאָסיד אָפּגעגאָלט, דאָס הייסט געהייסן אָפּגאָלן באָרד און פּייעס, איז ניזעק געוואָרן פון די צאַדיקיי האַדאָר. ביידע צוויי זין זיַינען אים, לוי אַלייכעם, בעמעשעך א 5 — 6 יאָר גיפּטער געוואָרן, און אַלע זיַינע דריי טעכטער האָבן קיין באָנים זכאָרים נישט געהאַט. דערביַי איז נאָך יעדע פון זיי געווען, ראַכמאָנע ליצלאַן, א מאַקשע לייליַיד, בעשאַס מיַי״ געווען יעדעס מאָל מעד דאָרטן ווי דאָ! אַז מען האָט אָבער מיַין האַשאָמאָ‍[illegible] געוואָלט, עס זאָל זיַין מאַכלויקעס, האָבן ילע געזען און געווּסט, אַז עס איז אַן אוינעש פון די צאַדיקיי האַז[illegible]ן בריסקער ראָוו, נאָר ער אַליין, מיט זיַינע ליכטיקע אויגן, האָט עס ניש[illegible] געזען! און עפּשער — נישט געוואָלט זען! ער האָט ווי̇טער געפירט זיין היסנאַגדוס בעיאַד כאַזאָקע — מיט כראָמעס און טקיפעס פון אַנשיי כנ̇יל, ווי אין יענע ציַיטן...

מיר איז גיטעלע (אַזוי האָט זי, דעם בריסקער ראָווס טאָכטער, געהייסן) בעעמעס א שאָד געווען, זייער א שאָד געווען. ערשטנס — א יִדישע נעשאָמע;

צווייטנס — א ייִדישע, קאַשערע נעשאָמע; עס איז נאָך אזא צאַדייקעס, אזא קאַשערע זאַך אפ דער וועלט נישט געווען...

קיין איינציקע אָרעמע קאַלע האָט אָן איר הילף נישט כאַסענע געהאַט; אזא זעלטענע בריע! און דאָס דאַרף געשטראָפט ווערן פאַרן פּאָטערס קאַאַס! און דעריבער, אזוי ווי איך האָב נאָר באַמערקט, אז די באָבע הייבט זיך אָן דרייען אין שטוב, האָב איך שוין אָנגעהויבן אַרבעטן אפ אַלע קיילים, מען זאָל שיקן צום ביאַלער רעבן... זאָל זיין א קוויטל אָן א פּידיען, באַשער — ער דאַרף נייטיק פּידיונעס!...

דער ביאַלער רעבע האָט גאָר ווייניק געהאַלטן פון פּידיונעס!

מיט וועמען אָבער רעדט מען?

איך פּרווו מיטן ברייסקער ראָווס איידים, און, איך ווייס — אז מאַמעש, נאָפשוי קעשוראָ בענאַפשאָ, וואָרן, ווי ער האָט זיך נישט באַהאַלטן, האָט עס דאָס שאָלעם באַוּם אַרויסגעשמעקט פון יעדן ווינקעלע, פון אַלע זייערע טנועס און האַוואָיעס, — איז ער דאָך אָבער דעם ברייסקער ראָווס איידים! שפּייט ער אוים, גייט ער אוועק און לאָזט מיך שטיין מיט אן אָפענעם מויל.

נעם איך מיך צו ר' יעכיעלן אליין, ענטפערט ער מיר: עס איז דעם ברייסקער ראָווס טאָכטער! איך וועל עס אים, דעם בריסקער ראָוו, נישט טאָן אַפילע ביי סאַקאָנעס נעפאָשעס כאַס־וועשאָלעם! פּרווו איך מיך מיט זיין פּלוי־ניסטע — א קאַשערע ייִדענע, נאָר א פּראָסטע, — ענטפערט זי מיר קעהיי לישנאָי: זאָל מיין מאַן הייסן, שיק איך באַלד צום רעבן מיין נאָנטעוודיק שטערנטיכל מיט די אויערינגלעך; א מאַטמען מיט געלט האָט עס געקאָסט! נאָר אָן מיין מאַן, נישט קיין פּאָכעס מישאָווע פּרוטע — נישט א פּיפּיץ!

— אָבער א קוויטל... וואָס שאַדט אייך א קוויטל?

— אָן מיין מאַנס וויסן, גאָרנישט! ענטפערט זי, טאַקע ווי א קאַשערע ייִדענע דאַרף ענטפערן, און דרייט זיך אָפּ פון מיר און איך זע, אז זי וויל נאָר באַהאַלטן די טרערן. — א מאַמע! לייוו יוודייאַ — איר האַרץ האָט שוין געפילט די סאַקאָנע...

אז איך האָב אָבער געהערט דעם ערשטן געשריי, בין איך אַליין געלאָפן צום רעבן.

— שמאַיע, — ענטפערט ער מיר, — וואָס זאָל איך טאָן? איך וועל מיספּאַלעל זיין!

— גיט מיר, רעבע, — בעט איך, — פאַר דער יוילעדעס, וואָס עס איז — א שמירעלע, א מאַטבייע, א קאַמייעלע... וואָס עס איז גיט מיר...

— עס וועט, כאַס וועשאָלעם, ערגער מאַכן, — ענטפערט ער, — אָן עמונע שאַדטן אזוינע זאַכן, און זי האָט דערינען קיין עמונע נישט...

וואָס האָב איך געקאָנט טאָן? עס איז די ערשטע טעג סוקעס, זי איז מאַקשע לייליייד, העלפן קען איך נישט, בלייב איך שוין בעסער באַם רעבן אין

שטוב. א בען־באַנק בין איך געזעסן, טראַכט איך מיר, איך וועל קוקן יעדער רעגע מיט געבעט צום רבין. אפשר וועט ער זיך מערבֿעט זיין...

הערן הערט זיך, אַז עס איז נישט גוט. דעם דריטן טאָג שטייען שוין די וועגן... מען האָט שוין אַלץ געטאָן, וואָס מען האָט געקאָנט: די שול אײַנגעריסן, קוואָרים געמאָסטן, הונדערטער פונט ליכט אויסגעבערנט אין שול, אין באַטײ־מדראָשים, הײַנט צדאָקע — אַ מאַטמוין!... עס איז דען נאָכצור דערציילן? אַלע קליידער־שענק זײַנען געשטאַנען אָפן; אַ באַרג מיט אַלערליי מאַטבייעס איז געלעגן אויפן טיש, און אָרעמעלײַט זײַנען אַרײַנגעקומען און גענומען, ווער עס וויל, וואָס ער וויל, וויפל ער וויל!

עס האָט מיך שטאַרק אָנגעכאַפּט דאָס האַרץ.

— רבע — זאָג איך, עס שטייט דאָך: „צדאָקאָ טאַציל מימאָוועס”.

און ער ענטפערט מיר, שעלוי מימינ האַטײַנע, דאַכט זיך:

— עפשער וועט קומען דער בריסקער ראָוו!

און בעאויסוי האָרעגע קומט אַרײַן רעב יעקבֿעלע! צום רבין רעדט ער נישט גלײַך ער וואָלט אים נישט געזען, נאָר —

— שמאיע, זאָגט ער צו מיר, און כאַפּט מיך אָן באַם לאַץ, הינטן שטייט אַ פור, גיי זעץ דיך אַרויף און פאָר צום בריסקער ראָוו, זאָל ער קומען..

און געפילט האָט ער שוין, אַפּאָנעם, אין וואָס עס גייט, וואָרעם צוגעגעבן האָט ער:

— זאָל ער אַליין זען, וואָס עס טוט זיך! זאָל ער זאָגן, וואָס צו טאָן!

און אַפּאָנעם האָט ער געהאַט, וואָס זאָל איך אײַך זאָגן, — מייסים זײַנען שענער פאַר אײַך!

———

מיילע, פאָר איך! טראַכטן, טראַכט איך מיר. אַז אויב דער רבע ווייסט, אַז ער וועט קומען, וועט שוין עפּעס דערפון אַרויס! עפשער נאָך אַ שאָלעם! דאָס הייסט: נישט צווישן בריסקער ראָוו מיטן ביאַלער רבין, זיי אַליין האָבן קיין מאַכלוייקעס נישט געפירט, נאָר צווישן די צדאָדים ביכלאַל! וואָרעם בעעמעס, אַז ער וועט קומען, וועט ער דאָך זען! אויגן האָט ער דאָך!

נאָר מינ האַשאָמאַ'מ, אַפּאָנעם, לאָזט מען אַזאַ זאַך אַזוי געשווינד נישט צו. מינ האַשאָמאַ'מ האָט מען מיט מיר מילכאָמע געהאַלטן. קוים בין איך אַרויסגעפאָרן פון ביאַלע, גיט זיך איבערן הימל אַ יאָג אַ כמאַרע, אָבער ווי הייסט אַ כמאַרע! אַ שוואַרצער שווערער וואָלקן, מאַמעש ווי אַ סמאָלע, און אַ בלאָז האָט פּלוצים געטאָן, גלײַך עס וואָלטן רוכעס געפלויגן און פון אַלע זײַטן מיטאַמאָל. אַ פויער, לעהאַוודל, פאַרשטייט זיך אַפ אַזוינע זאַכן, ציילעמט ער זיך און זאָגט, אַז עס וועט זײַן, כאַס־וועשאָלעם, אַ שווערער וועג, און ווײַזט מיר מיט דער בײַטש אין הימל אַרײַן... טאַכ קעדיי־דיבער מאַכט זיך נאָך אַ שטאַרקער ווינט, ער צערײַסט די כמאַרע, מאַמעש ווי מען צערײַסט אַ שטיק

פאפיר, און הייבט אָן צו יאָגן און צו טרײַבן איינ שטיק כמארע אף דער צווייטער, איינע אף דער צווייטער, גלײַך ער וואָלט קריִעס געטריבן אף א טײַך. איך האָב שוין איבערן קאָפּ צוויי שטאָק און דרײַ שטאָק כמארע. לאַבעמבילע האָב איך אפילו קיין מוירע נישט געהאט: אויסגענעצט ווערן איז בא מיר קיין נײַ נישט געוועזן און פאר דונערן שרעק איך מיך נישט. ערשטנס, דונערט נישט סוקעס־צײַט, און צווייטנס — נאָכן רעבנס שויפער־בלאָזן! מיר האָבן א קײַמער־לאָן, אז נאָך אזא שויפער־בלאָזן האָט א גאנץ יאָר קיין דונער קײַן שליטע נישט! אז עס האָט אָבער ראפּטום געגעבן א פלאָסק מיר אין פּאָנעם ארײַן, ווי מיט א בײַטש... איינ מאָל, דאָס צווייטע מאָל, דאָס דריטע מאָל... איז מיר טאקע דער מוטערס מילך אנטפאלן! איך האָב געזען העבוש, אז דער הימל פּאטשט מיך, אז מען טרײַבט מיך צוריק!

און דער פויער, לעהאוודל, בעט זיך אויך: לאָמיר צוריקפאָרן.

איך ווייס אָבער, עס איז סאקאָנעס נעפאָשעס. איך זיץ אף דער פור, און אינעם שטורעם, הער איך, ווי די ווילעדעס קרעכצט, ווי דעם בריסקער ראָווס איידימס פינגער קנאקן; ער ברעכט זיך די הענט; אויך זע איך פאר מיר רעב יעכיִעלס שווארץ פּאָנעם מיט די אײַנגעפאלענע, ברענענדיקע אויגן! פאָר, בעט ער מיך, — פאָר — און מיר פאָרן.

און דאָ גיסט און גיסט, עס גיסט פון אויבן, עס שפּריצט פון אונטער די רעדער, און פון אונטער די פערדס פיס. און דער וועג ווערט אינגאנצן פארגאָסן מאמעש באדעקט מיט וואסער. איבערן וואסער גייט א פּיאנע. די פור, דאכט זיך, הייבט שוין אָן שווימען — — וואָס זאָל איך אײַך דערציילן? מיר האָבן נאָך דערצו געבלאָנדזשעט... נאָר אויסגעהאלטן האָב איך!

מיטן בריסקער ראָוו בין איך געקומען אויפן הוישײַנע־ראבע!

נאָר, דעם עמעס צו זאָגן, אזוי ווי דער בריסקער ראָוו האָט זיך ארופגעזעצט אף דער פור, איז שטיל געוואָרן! די כמארע האָט זיך איבערגעריסן, פון שפּאלט האָט זיך ארויסגעוויזן די זון, און מיר זײַנען בעשאָלעם שוין און טרוקן ארײַנגעפאָרן קיין ביאלע. דער פויער, לעהאוודל, האָט עס אפילע באמערקט און געזאָגט אף זײַן לאָשן: וועלקי ראבין צי דיוזשי ראבין!...

נאָר דער איקער איז געוועזן אונדזער ארײַנקומען! —

ווי די היישעריקן זײַנען צו אים צוגעפאלן די ווײַבער, וואָס זײַנען איך שטום געוועזן... קימאט אפן פּאָנעם זײַנען זיי פאר אים געפאלן און געוויינט... די ווילעדעס פון דער צווייטער שטוב הערט מען נישט, אָדער דורכן געוויין פון די ווײַבער, אָדער, טראכט איך, זי האָט שוין, באס־וועשאָלעם, קיין קויאך נישט צו קרעכצן... רעב יעכיִעל האָט אונדז אפילע נישט געזען, ער איז געשטאנען ארײַנגעדריקט מיטן שטערן אין א שויב, דער קאָפּ האָט אים אפּאָנעם געברענט...

דעם בריסקער ראָווס איידים דרייט זיך אויך נישט איבער דערלאנגען שאָלעם, ער שטייט מיטן פּאָנעם צו דער וואנט, און איך זע בעבוש, ווי דער גוף

זײַנער ציטערט און ווי דער קאָפּ קלאַפּט אָן דער וואַנט!...

איך האָב געמיינט, איך פֿאַל! אַזוי האָט מיך דער צער און די שרעק דורך און דורך גענומען. עס איז מיר קאַלט געוואָרן אין אַלע אייוואָרים, איך האָב געפֿילט, אַז די נשמה ווערט אין מיר קאַלט!...

נאָר צי האָט איר געקענט דעם בריסקער ראָוו?

דאָס איז געווען אַ מענטש — אָן אמוד באַרזעל, זאָג איך אײַך!

אַ הויכער־הויכער ייִד. אָן איימע האָט ער געוואָרפֿן, ווי אַ מאַלכעס! — אַ ווײַסע לאַנגע באָרד, איין שנײַ, געדענק איך נאָך ווי הײַנט, האָט זיך אים אַרײַנגערוקט אונטערן גאַרטל, דער צווייטער שפּיץ־באָרד ציטערט איבערן גאַרטל...

ברעמען — ווײַסע, דיקע, לאַנגע — אַ האַלב פּאָנעם האָבן זיי אים פֿאַרשטעלט. און, אַז ער האָט זיי אופֿגעהויבן — ריבוינע שעל אוילעם! די נאָשים זײַנען מאַמעש צוריקגעפֿאַלן, ווי פֿון אַ דונער צוריקגעוואָרפֿן. אַזוינע אויגן האָט ער געהאַט! — כאַלאָפֿים, בלאַנקע כאַלאָפֿים האָבן אין זיי געבליצט! און אַ געשריי האָט ער געטאָן ווי אַ לייב: אָוועק, נאָשים!

דערנאָך האָט ער שטילער און איידעלער געפֿרעגט:

— און וווּ איז מײַן טאָכטער?

מען האָט אים געוויזן.

ער איז אַרײַנגעגאַנגען, און איך בין געבליבן שטיין מאַמעש אַרויס פֿון די קיילים: אַזוינע אויגן, אַזאַ בליק, אַזאַ קאָל! עס איז נאָר אַן אַנדערער דערעך, אַן אַנדערע וועלט! דעם ביאַלער רעבנס אויגן לײַכטן אַזוי גוט, אַזוי שטיל, עס קומט אַרײַן אַ כײַעס אין האַרץ; ער וואַרפֿט אָפּ דיר אַ בליק, האָט ער דיך מיט גאָלד באַשיט... און זײַן קאָל, דאָס זיסע קאָל, דאָס סאַמעטן זיסע קאָל— ריבוינע שעל אוילעם — באַם האַרץ כאַפּט עס אָן, באַם האַרץ גלעט עס אַזוי שטיל, אַזוי מעכאַיעדיק... נישט קיין מוירע, כאַס וועשאָלעם, האָט מען פֿאַרן, נאָר די נעשאָמע צענייט אין ליבשאַפֿט, אין מעסיקעס פֿון ליבשאַפֿט. זי וויל אַרויס פֿון גוף און באַהעפֿטן זיך מיט זײַן נעשאָמע... זי רײַסט זיך, ווי לעהאַוודל, אַ זומערפֿליגעלע צו אַ העלער פֿלאַם!... און דאָ — ריבוינע שעל אוילעם: איימע וואָפּאַכאַד! אַ גאָען, אַ פּאַרצעמיקער גאָען! און ער גייט אַרײַן צו אַ יוילעדעס!

„ער וועט פֿון איר מאַכן, — שרעק איך מיך — אַ קרוווע ביינער“.

לויף איך צום רעבן.

און דער רעבע באַגעגנט מיך באַלד אין טיר מיט אַ שמייכל:

— האָסט געזען, מאַכט ער, קאָוועד האַטוירע? ריינעם קאָוועד האַטוירע? איך האָב מיך באַרויקט. אַז ער שמייכלט, טראַכט איך, איז גוט! —

און עס איז טאַקע גוט געווען. שמיני אַצערעס איז זי איבערגעקומען.

סימכאס־טוירע האָט שוין דער בריסקער ראָוו געזאָגט טוירע באַם טיש. איך האָב געוואָלט אַפילו ערגעץ אַנדערש זײַן באַם טיש, נאָר איך האָב טוירע געהאַט. ביפראַט, אַז מיט מיר איז געווען אַ מיניען... מען וועט בענטשן געוואָרייך עלויהיינו...

מײלע, וואָס זאָל איך אײַך דערציילן? דעם בריסקער ראָווס טוירע? אויב די טוירע איז אַ יאַם, איז ער געווען דער ליוויאָסן אין יאַם, — מיט איין טנוע גיט ער אַ שווים דורך צען מעסיכטעס; מיט איין טנוע מישט ער אויס שאַס אופּאָסקים! אַז עס הילכט און שפּריצט, זידט און קאָכט, טאַקע, ווי מען דערציילט פון עמעסן יאַם... דעם קאָפּ האָט ער מיר צעשרויפט... נאָר „לייוו יוידייא מאָראַס נאַפשוי"! דאָס האַרץ מײַנס האָט פּאַרט נישט געהאַט קיין סימכאַס יאָנטעוו. און דערמאָלט האָב איך מיר דערמאָנט אין רעבנס כאָלעם... און איך בין פאַרשטאַרט געוואָרן! די זון איז געלעגן אין פענצטער, ווײַן האָט באַם טיש נישט געפעלט, דער גאַנצער אוילעם, זע איך, שוויצט, און מיר? מיר איז געווען קאַלט, קאַלט ווי אײַז! און דאָרטן, האָב איך געוווסט, זאָגט מען אַנדערע טוירע... דאָרטן איז ליכטיק און וואַרעם... יעדעס וואָרט איז דורכגעוועבט און דורכגעוויקט מיט אַהאַווע און דווייקעס... מאַלאָכים, פילט מען, פליען אַרום שטוב; מאַמעש מען הערט, ווי עס רוישן די גרויסע, ווײַסע פליגל... אײַ, ריבוינע שעל אוילעם! נאָר אינעווייניק טאָר מען נישט!

פּלוצלונג האַקט ער איבער, דער בריסקער ראָוו, און גיט אַ פרעג:

— וואָס פאַר אַ רעבן האָט איר עס דאָ?

— איינעם, אַ נויאַך, ענטפערט מען אים.

מײלע, שנײַדט עס מיך באַם האַרץ! „איינעם, אַ נויאַך" — אַך, די כניפע, די כניפע!

— אַ באַל־מויפעס? פרעגט ער ווײַטער.

— ווייניק, מען הערט נישט... ווײַבער אפילו דערציילן, נאָר ווער הערט זיי?

— ער נעמט אַזוי געלט, אָן מויפסים...

זאָגט מען אים שוין דעם עמעס, אַז געלט נעמט ער ווייניק און גיט אַפּאַך אַוועק.

דער בריסקער ראָוו פאַרקלערט זיך.

— און לערנען קען ער?

— מען זאָגט — אַ גאָדל!

— פונוואַנען איז ער, דער נויאַך?

קיינער ווייסט נישט, און איך מוז ענטפערן. מאַכט זיך שוין אַ שמועס צווישן מיר מיטן בריסקער ראָוו.

— איז ער נישט, דער נויאַך, אַמאָל אין בריסק געווען? פרעגט ער.

— צי דער רעבע, שטאַמל איך, איז געווען אין בריסק? דאַכט זיך — יאָ!

— א מאכט ער — א כאָסיד זײַנער! און עס האָט זיך מיר געדאכט, אַז ער האָט אַף מיר א קוק געטאָן ווי אַף א שפּין.

און ער האָט זיך איבערגעדרייט צום אוילעם.

— בא מיר, — זאָגט ער, — איז אמאָל געוועזן א טאַלמיד נויאַכ... אפילע א גוט קעפּל, נאָר עס האָט אים געצויגן אין יענער זײַט אַרײַן — — איך האָב אים איינמאָל געזאָגט, צוויי מאָל... איך האָב אים געוואָלט זאָגן צום דריטן מאָל, מאַזהיר זײַן, איז ער נעלעם מיר געוואָרן... צי איז עס נישט ד ע ר?

— ווער ווייסט?

און ער הייבט אָן אויסמאָלן: א דאַרער, א קליינער, א שוואַרץ בערדל, שוואַרצע געקרײַזלטע פּייעס, א פאַרטראַכטער, א שטיל קאָל און דערגלײַכן.

— עס קען זײַן, זאָגט דער אוילעם, אַז דאָס איז ער; קאַרעוו־לעעמעס!

איך האָב שוין גאָט געדאַנקט, אַז מען האָט אָנגעהויבן בענטשן.

נאָר נאָך דעם בענטשן איז געשען אַזוינס, וואָס עס האָט זיך מיר גאָרנישט געקאָנט כאָלעמען.

דער בריסקער ראָוו הייבט זיך אוף פון בענקל, רופט מיך אוועק אין א זײַט און זאָגט מיר שטילערהײַט: פיר מיך צו ד ײַ נ ע רעבן און מ ײַ נ ע ם טאַלמיד. נאָר, הערסט, — קיינער זאָל נישט װיסן!

מײַן האַסטאַמ פאָלגן איך, נאָר אַפן וועג פרעג איך אים מיט שרעק:

— בריסקער ראָוו, זאָג איך, מיט וואָס פאַר א קאַוואָנע גייט איר?

און ער ענטפערט מיר פּאַשעט:

— עס איז מיר איינגעפאַלן באַם בענטשן, אַז איך בין אהער געוועזן א דאָן שעלוי בעפאָנאָוו... זען וויל איך, איך וויל אליין זען, און עפּשער — האָט ער שפּעטער צוגעגעבן — וועט מיר גאָט העלפן, איך וועל אַרויסראַטעווען מיינס א טאַלמיד.

— ווייסט, שייגעץ — מאכט ער ווײַטער מיט האַלאַצע, — אַז אויב דײַן רעבע איז דער נויאַכ, וואָס האָט בא מיר געלערנט, קען ער זײַן א גאָדל בעיונס־ראָעל, א בריסקער ראָוו אמאָל!

אצינד האָב איך שוין זיכער געוווּסט, אַז דאָס איז ער, און דאָס האַרץ האָט ערשט אָנגעהויבן צאַפּלען...

*

און די צוויי בערג האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן... אַז איך בין אין דער מיט נישט געבליבן אַפן אָרט, איז טאַקע א נס מין האַשאָמאַיִם.

דער ביאַלער רעבע, זיכרוינוי ליוורוּאָכע, פלעגט שימכאַס טוירע אַרויסשיקן די כסידים שפּאַצירן אַרום דער שטאָט, און ער אליין איז זיך געזעסן אַפן גאַניקל, און געקוקט, און מעקאַבל נאָכעם געוועזן...

עס איז נישט געוועזן הײַנטיק ביאַלע. עס איז געוועזן דעמאָלט נאָר א קליין שטעטל. סאַמע קליינע, נידעריקע, געבױיטע הײַזלעך; אויסער דער שול

מיטן רעבנס בײס־מעדרעש. דעם רעבנס גאניקל איז געווען אפן צווייטן שטאק און מען האט פון גאניקל אלץ געזען ווי אף דער האנט — די בערגלעך פון מיזרח־זײַט, דעם טײַך פון מירעװ... — — און דער רעבע זיצט אפן גאניקל און קוקט. דערזעט עטלעכע כסידים וואס גייען און שווײַגן, ווארפט ער זיי אראפ פונדערהויך א האסכאָלע פון א ניגן. זיי כאפן אונטער און גייען שוין ווײַטער זינגענדיק — — און קיטעס, קיטעס גייען פארבײַ, און לאָזן זיך ארויס פון שטאָט, מיט געזאנג, מיט עמעסער פרייד, מיט עמעסער סימכאס טוירע... און דער רעבע פלעגט זיך נישט רירן פון גאניקל.

דעמלט אָבער האט דער רעבע, אפּנעם, דערהערט אנדערע טריט, האט ער זיך אופגעהויבן און איז אקעגן געגאנגען דעם בריסקער ראָוו.

שאָלעם אליכעם, רעבע. מאכט ער מיט אניוועס און מיט זײַן זיס קאָל.

אליכעם שאָלעם, נויאַך! — האָט דער בריסקער ראָוו געענטפערט.

— זיצט, רעבע!

דער בריסקער ראָוו זעצט זיך, און דער ביאַלער רעבע שטעלט זיך פאר אים.

— זאָג נאָר, נויאַך! — מאכט דער בריסקער ראָוו מיט אופגעהויבענע ברעמען, — וואס ביסטו עס אנטלאָפן פון מײַן יעשיווע? וואס האט דיר דאָרטן געפעלט?

— עס האט מיר, רעבע — ענטפערט ער געלאסן, — אָטעם פארפעלט... איך האָב נישט געקאָנט דאָרט אָטעם כאפן...

— ווי הייסט? וואס רעדסטו, נויאַך?

— נישט מיר, — פארטײַטשט דער רעבע מיט א שטיל קאָל, — נאָר מײַן נעשאָמע האט אָטעם פארפעלט...

פארוואס, נויאַך?

— אײַער טוירע, רעבע, איז סאמע דין, אָן ראכמים איז זי! אָן א פונק כעסעד איז אײַער טוירע! און דעריבער איז זי אָן סימכע, אָן פרײַען אָטעם... סאמע אײַזן און קופער, אײַזערנע געזעצן, קופערנע דינים... און סאמע הויכע טוירע, פאר לאָמדים, פאר יעכידע סגולע!...

דער בריסקער ראָוו שווײַגט און דער רעבע זאָגט ווײַטער: און זאָגט מיר, רעבע, וואס האט איר פארן קלאל־ייִסראָעל? פארן האָלץ־העקער, פארן קאצעוו, פארן באַלמעלאָכע, פארן פראָסטן ייִד... ביפּראט — פאר א זינדיקן ייִד? וואס, רעבע, האט איר פאר נ י ש ט לאָמדים?

דער בריסקער ראָוו שווײַגט, גלײַך ער פארשטייט נישט, וואס מען רעדט צו אים. און דער ביאַלער רעבע שטייט אלץ פאר אים און זאָגט ווײַטער מיט זײַן זיס קאָל:

— זײַט מיר מוילכל רעבע, נאָר דעם עמעס מוז איך אײַך זאָגן... האַרט איז געווען אײַער טוירע, האַרט און טרוקן, ווײַל זי איז נאָר דער גוף און נישט די נעשאָמע פון דער טוירע!

— די נעשאָמע? פרעגט דער בריסקער ראָוו און רײַבט זיך דעם הויכן שטערן.

— אוואדע! אײַער טוירע, רעבע, האָב איך געזאָגט, איז נאָר פאַר יעכידיי סגולע, פאַר לאַמדאָנים, נישט פאַר קאָל יִיסראָעל. און די טוירע מוז זײַן פאַר קאָל יִיסראָעל! די שכינע מוז רוען אַפ קאָל־יִיסראָעל! וואָרן די טוירע איז די נעשאָמע פון קאָל יִיסראָעל!

— און דײַן טוירע, גויאכ?

— איר ווילט זי זען, רעבע?

— טוירע — זען? ווונדערט זיך. בריסקער ראָוו.

— קומט, רעבע, איך וועל זי אײַך ווײַזן!.. איך וועל אײַך איר גלאַנץ ווײַזן; זי' סימכע, וואָס שטראַלט ארוים פון איר אַפ אלע, אַפ קאָל יִיסראָעל!

דער בריסקער ראָוו רירט זיך נישט.

— איך בעט אייך, רעבע, קומט, נישט ווײַט!

ער האָט אים ארויסגעפירט אַפּן גאַניקל. שטילערהייט בין איך זיי נאָכגעגאַנגען.

דער רעבע האָט דאָב דערפילט: מעגסט נאָכגיין, — מאַכט ער, — שמאיע, הײַנט וועסטו אויך זען... דער בריסקער ראָוו וועט אויך זען... סימכאס טוירע וועט איר זען... איר וועט זען, עמעסע סימכאס טוירע!

און איך האָב געזען דאָס אייגענע, וואָס אלע סימכאס־טוירע', נאָר איך האָב אַ נ ד ע ר ש געזען... ווי אַ פאָרהאַנג איז מיר אַוועקגעפאַלן פון די אויגן.

אַ גרויסער, ברייטער הימל — מאַמעש איין־סאָף, און בלאָ, אזוי העל־בלאָ איז דער הימל געווען, אַז עס האָט מעכאיע געווען דאָס אויג. איבערן הימל זײַנען געשווומען ווייסע, מאַמעש זילבערנע, וואָלקנדלעך. און אַז מען האָט זיך אײַנגעקוקט, האָט מען געזען, ווי זיי ציטערן מאַמעש פאַר פרייד, ווי זיי טאַנצן אונטער מיט סימכאס טוירע! הינטן ווײַטער האָט ארומגענומען די שטאָט אַ גרינער, ברייטער גאַרטל, אַ טונקל־גרינער, נאָר דאָס גרינע איז געווען לעבעדיק גרין, אזוי לעבעדיק, גלײַך עס וואָלט אַ „כּיעס" ארומגעפלויגן צווישן די גראָזן; וואָס אַ מאָל האָט זיך געדאַכט, פלאַמט ערגעץ אַנדערש אויס אַ כּיעס, אַ נעשמאַק, אַ לעבן; — מען האָט געזען בעכוש, ווי די פלעמלעך שפרינגען און טאַנצן צווישן די גרעזעלעך... גלײַך זיי האַלדזן זיי און קושן זיי...

און אַפ די לאָנקעס מיט די פלעמלעך האָבן זיך ארומגעדרייט קיטעס און קיטעס פון כסידים... די אַטלעסענע און אפילע די לאַסטינגענע קאַפּאָטעס האָבן געבלאַנקט ווי די שפּיגל, די צעריסענע ווי די גאַנצע... און די פלעמלעך, וואָס האָבן זיך ארויסגעריסן פון צווישן די גרעזלעך, האָבן זיך נעכאַפּט און געציעפּעט אָן די שפּיגלדיקע ביגדיי יאָנטעוו, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז זיי טאַנצן ארום יעדן כאָסיד, מיט היסלאַוועס, מיט ליבשאַפט... און אַלע קיטעס כסידים האָבן געקוקט מיט ווונדערלעך דאָרשטיקע אויגן ארויף צום רעבנס

נאניקל... און די דאָרשטיקע אויגן, האָב איך געזען מאמעש בעכוש, זוינגן פון נאניקל, פון רעבנס פּאָנעם די ליכט, און וואָס מער ליכט זיי האָבן געזוינגן, העכער געזונגען האָבן זיי... אַלץ העכער און העכער... אַלץ לוסטיקער, אַלץ הייליקער...

און יעדע קיטע האָט זיך געזונגען איר ניגן, נאָר אין דער לופט האָבן זיך די אַלע ניגונים מיט אַלע קוילעס אויסגעמישט; און צום רעבנס נאניקל איז צוגעקומען איין זעמער, איין ניגן... גלייך אַלע זינגען איין זעמער. און אַלע זינגען — דער הימל זינגט, די גאַלגאַלים זינגען, און די ערד פון אונטן זינגט, און די נעשאָמע פון דער וועלט זינגט — — — אַלץ זינגט!

ריבוינוי שעל אוילעם! איך האָב געמיינט איך צעגיי אין מעסיקעס...

עס איז אָבער נישט באַשערט געווען.

— מען דאַרף מינכע דאַווענען! — האָט פּלוצים דער בריסקער ראָוו אַרויסגעזאָגט שאַרף; און אַלץ איז פאַרשוווּנדן געוואָרן...

שטיל — — דער פאָרהאַנג איז מיר צוריקגעפאַלן פאַר די אויגן: אויבן — אַ פאַשעטער הימל, אונטן — פאַשעטע פּאַשע, פאַשעטע כסידים אין צעריסענע קאַפאָטעס... אַלטע צעריסענע שטיקלעך ניגונים... אויסגעלאָשן די פלעמלעך — איך קוק אָפּ רעבן, זיין פּאָנעם איז אויך בוישעך — — —

זיי האָבן זיך נישט אויסגעגלייכט; דער בריסקער ראָוו איז געבליבן אַ מיסנאַגעד ווי פריער; מיט דעם איז ער אָוועקגעפאָרן!

דאָך אַ פולע האָט עס געהאַט! גערווידעפּמי האָט ער שוין נישט. —

ווערטערבוכ פונ העברעיזמענ.

צו דרײַ נײַמאָרינס.

מויער באל־נעס	מאיר בעל נס	א צעדאָקע־פּושקע אפנ נאָמענ פונ א בארימטנ ראָוו מויער באל־נעס.

צו באָנציע שווײַג.

קאַברענ	קברנ	דער וואָס באגראָבט טויטע.
ניספּאקעש געוואָרנ	נתבקש געווארנ	אײַנגעלאָדנ געוואָרנ.
בישיווע שעל מײַלע	בישיבה של מעלה	אפ א זיצונג אינ די הימלענ.
קיסיי האקאָווער	כסא הכבוד	דער ערנשטול (גאָטס טראָנ).
בעזדנ שעל מײַלע	בית דינ של מעלה	דער הימלישער געריכט.
קאפ האקעלא	כף הקלע	שלײַדער־לעפל.
מוליץ־יױשער אָדער מאלעכ־מוליץ	מליצ יושר	דער מאלעכ דער פארטײדיקער
קאמייגער	קטיגור	דער באשולדיקער.
יעריכוים מויערנ	יעריכוס מויערנ	יעריכוי — א שטאָט אינ פּאַלעסטינע, וועמעס מויערנ זײַנענ אײַנגעפאלנ נאָכדעם, ווי די ייִדנ האָבנ געבלאָזנ מיטנ שויפער.
אוילעמ האשעקער	עולם השקר	די פאלשע וועלט (די וועלט).
אוילעמ האעמעס	עולם האמת	די עמעסע וועלט (יענע וועלט).
אָוו בעזדנ	אב בית דינ	דער פּאָרזיצער פונ געריכט.

צו באַם פּ, ־נ כופּע־קלייד.

אזעס	עזות	האָזע.

צו דאָס שטרײַמל.

לעבאָל האפאָכעס	לכל הפחות	צום ווייניקסטנ.
ביכווידע אוועאצמע	בכבודו ובעצמו	ער אלײנ מאקע.
האישע האצנוע	האשה הצנועה	די פרומע פרוי מיריאָמ.
מאָראס מיריאָמ	מרת מרים	פרוי מיריאָמ

טכיע	תחיה	אָל לעבנ
ראכמאָנע ליצלאנ	רחמנא ליצלן	גאָט זאָל באהיטנ
כוימער	חומר	קערפּער.
קאלפּי	קלפּי	אורנע (בא די וואלנ)
דאכקעס	דחקות	אָרעמקײַט
(ער קענ נישט) צורעס מאטבײַ	צורות מטבע	ער ווייס ניט, ווי א מאטבייע זעט אויס.
יויוול	יובל	פופציק יאָר.
מײַ נאפקע מינע	מאי נפקא מינה	וואָס איז דער אונטערשייד
כײַ	ח״י	אכצנ (ח—8, י—10 לויטנ העברעיִשנ אלעפבייז)
באלטײַוועניק	בעל תאוהניק	א מענטש, וואָס יאָגט זיכ נאָכ פארגעניגנ.
אזעס מעכוצפעניק	עזות מחוצפהניק	א באלהאָזע.
קאָלבויניק	כל־בוניק	וואָס טוט אל דאָס בייז.
אווודע זאָרע	עבודה זרה	געצנדינערײַ.
מײַסע יאָדײַ	מעשה ידי	מײַנע אייגענע ארבעט.
נאָשימ צידקאָניעס	נשים צדקניות	פרומע פרויענ.
אכרייו בלויסי	אחרי בלותי	אפ דער עלטער.
מעפארנעס זײַנ	מפרנס זײַנ	שפּײַזנ.

צו „די פרומע קאצ"

בינימעס	בנעימות	געלאסנ.
אוילעמ האבע	עולם הבּא	יענע וועלט (נאָכנ טויט).
שולכנ אָרעכ	..שלחן ערוך	אזא סייפער פונ דינימ
פּינכעס בענ עלאָזאָר	פּנחס בּן אלעזר	דער מענטש, וועלכער האָט זיכ אָנגענומענ גאָטס קריוודע.
בענ ארנ האקויהענ	בּן אהרון הכּהן	
דעמ פּסאק מעקײַעמ זײַנ	דעם פּסק מקים זײַנ	אויספירנ דעם שטראָף־אורטייל.
זיכ שלאָגנ אל בעט	זיכ שלאָגנ על חטא	מיסוודע זײַנ זיכ אפ די אווייערעס.
בוירע אוילאָמ	בּורא עולם	דער באשאפער פונ דער וועלט.
יִראס שאָמאַיִמ	יראת שמים	גאָטספאָרכטיקײַט.
טשוווע	תּשובה	כאראָטע האָבנ אפ זינד
א טווילע־קאצ	א טבילה קאצ	א קאצ, וועלכע טויוולט זיכ אָפּט (וואשט זיכ)
ארבע מיסעס בעזדנ	ארבע מיתות בּית דין	די פירערליי טויטשטראָפנ פונ אמאָליקנ יידישנ געריכט (פארשטיינענ, פארברענענ, אוועקהארגענענ אונ דער־ווערגנ).
מאכזער לעמוטעוו זײַנ	מחזיר למוטב זײַנ	ארופירנ אפנ גוטנ וועג.

צו „מײַנ נישט"

לעס דינ וועלעס דײַענ	לית דין ולית דין	ס'איז ניטאָ קיינ מישפּעט אונ ס'איז ניטאָ קיינ ריכטער (ס'איז ווילקיר).

צו „ניסים אפנ יאַם“.

אָװעס אװויסאָװ	אבות אבותיו	פונ לאַנגע דורותעם.
שמא יִסראָעל מיספאַלעל זײַנ	שמע ישראל מתפלל זײַנ	זאָגנ „שמא יִסראָעל“ (אַ טפילע).
מאָקעם קאָדעש	מקום קדוש	אַ הײליקער אָרט (אַ קלױז).
נילע	נעילה	די לעצטע טפילע, װעלכע מענ זאָגט יאָמקיפער.
אָרנ קוידעש	ארון קודש	אַ הײליקער שאַפ (װו עס שטײענ די טוירעס).
ראַכװועס	רחבות	ברײטקײט
באַל דאַברענ	בעל דברן	אַ רעדנער
גױסעסנ	גוססן	אױסגײנ
סכום האַקױלעל	סכום הכולל	די סומע.
װײַהי האַיום	ויהי היום	אונ אײנ טאָג.
אַגמעס נעפעש	עגמת נפש	פאַרדרוס.
מי יאָנואַכ ומי יאָנוא	מי ינוח ומי ינוע	„װער װעט רוענ אונ װער װעט פאַרװאָגלט װערנ“ (אַ יאָמקיפּערדיקע טפילע).
גװיװער זײַנ	גובר זײַנ	בײַקומענ.

צו „באַם גױסעס צו קאָפּנס“

גױסעס	גוסס	אַ מענטש, װעלכער האַלט באַם שטאַרבנ.
מיקאַמע װעקאַמע יאָרנ	מכמה וכמה יאָרנ	פונ לאַנגע יאָרנ.
קיסײ האַקאָװעד	כסא הכבוד	דער ערנשטול (דער טראָנ, אַפ װעלכנ גאָט זיצט).
עכאָד	אחד	אײנער; דאָס איז דאָס לעצטע װאָרט פונ שמא יִסראָעל, װאָס באַם דאַװנענ ציט מענ לאַנג אױס.
יִסורים שעל אַהאַװע	יסורים של אהבה	װײטיקנ פונ ליבשאַפט.
שאַכרים	שחרית	פרימאָרגנדיקע טפילע.
טײַנעג	תענוג	פאַרגעניגנ.
פּעגימע	פגימה	אַ גאַנצ קלײנער פעלער.
שמױנע עסרײ	שמונה עשרה	אַזאַ טפילע.
מעמשאָלע	ממשלה	הערשאַפט.
כצאָס	חצות	אַ טפילע, װאָס מענ זאָגט האַלבע נאַכט.
רעשוס	רשות	דערלױבעניש.
אַל דאַאַס אַצמױ	על דעת עצמו	בא קײנעם ניט געפרעגט.
האַװײַע	העויה	אַ קרומע מינע.
מאַלעכ כאַבאָלע	מלאך חבלה	דער מאַלעכ, װעלכער איז אױסגעקומענ צו באַשטראָפנ.
מאַפקיר זײַנ	מפקיר זײַנ	אָװעקװאַרפנ (װער עס װיל, זאָל עס נעמענ).

צו „אראָפּגעלאָזטע אויגן“

שעם־דאָוואָר	שם דבר	א באַרימטקייט.
פּאַרנאָסע בעשעפע	פרנסה בשפע	אַסאַך פאַרדינסט.
יעש	יש	ז וויכטיקער מענטש (פיגוראל).
באַלצדאָקע	בעל צדקה	גיט נעדאָוועס.
מאַכנים־אורעכ	מכניס אורח	נעמט אוף (אָרעמע) געסט.
באָנים זעכאָרים	בנים זכרים	קינדער יינגלעך.
אַמהאָרעץ	עם הארץ	א מענטש, וואָס איז נים געלערנט.
ראָש־יעשיווע	ראש ישיבה	ער פירער פונ יעשיווע.
עסרויגים	אתרוגים	זזא פירע, איבער וועלכער מען מאַכט א בראָכע סוקעס.
אצוועס	עצבות	אומעטיקייט.
נאָדנ קידעבאָי	נדן כדבעי	ענוג נאָדנ.
כאָמעש מייעס	חמש מאות	פינף הונדערט.
נעדוניע	נדוניא	נאָדנ.
שטיי מייעס	שתי מאות	צוויי הונדערט.
האַלבאָשע	הלבשה	קליידונג.
ראַכאַש	רחש (רב, חזן, שוחט)	ראָוו, כאַזנ, שויכעט.
אוכעדוימע	וכדומה	אונ דאָס גלייכנ.
קאָוואָנע	כונה	אופמערקזאַמקייט, קאָנצענטרירונג.
האַסכאָלע	התחלה	אָנהייב,
מידעס מעגונעס	מדות מגונות	שענדלעכע זיטנ.
מעניע	מניעה	א שטער.
בעכאָצע כינעם	בחצי חנם	זאַלב אומזיסט.
הויסאָפעס	הוספות	צוגאָב, דערלייגנ געלט.
טאָכ קעדיי דיבור	תוך כדי דבור	אינ מיטנ די רייד.
לוי יעיאָסע כוינ בימקוימיינו	לא יעשה כן במקומנו	בא אונדז ווערט אזוי נים געטאָנ.
בישאַס האַדכאָק שייני	בשעת הדחק שאני	אינ א נויטפאל איז אנדערש.
קאַהאַלאָיע,	כהויה	ווי די זאַכ איז (אינ דער עמעס).
עס קוווד אָשרוי	את כבוד עשרו	זיינ גרויסנ רייכטום.
האַשגאָכע	השגחה	אופזיכט.
האגא בעאצמעכאָ	הגע בעצמך	באַטראַכט אליינ.
אוימיד בעדיבוריי	עומד בדבורו	זיכ האלט וואָרט.
יאָמים וואַלוילעס	ימים ולילות	טעג אונ נעכט.
אל האַטוירע וועאל האָאוגגיבע	על התורה ועל העבודה	לערנט טוירע אונ דינט גאָט.
בעהעטער	בהיתר	ערלויבטערהיים.
בעאיסער	באיסור	ארבאָטענערהיים.
וועקאָכ האָווע	ונבך תוה	אונ אזוי איז טאקע געווען
קויאַכ האַדאָם	כח הדם	דער קויאַכ פונ די בלוט.

ראַכמאָנע ליצלאַנ	רחמנא ליצלן	גאָט זאָל באַהיטנ
רעשוס	רשות	דערלויבעניש.
מאַסיג געוואַל זײַנ	משיג גבול זײַנ	ארויסשטײַגנ (געבנ א העכערנ פרײַז).
ניסטאַלעק ווערנ	נסתלק ווערנ	שטאַרבנ.
אוילעם האַטויהו	עולם התוהו	א וועלט פונ פאַנטאַזיע (פיגוראַלער אויסדרוק).
טוירע ציווע לאָנו	תורה צוה לנו	אזא טפילע.
סאָריד ופאָליט	שריד ופליט	אנ איבערבלײַבעניש.

צו „אויב ניט נאָכ העכער"

סליכעס צײַט	סליחות צײַט	די אָוונטנ אינ דער לעצטער וואָכ פאַר ראָש־האַשאָנע, ווענ מענ זאָגט די טפילעס, וועלכע הייסנ „סליכעס".
נעלעם ווערנ	נעלם ווערנ	פאַרשווינדנ.
מוסער ספאָרימ	מוסר ספרים	די ספאָרימ, וועלכע לערענג דעם מענטשנ זיכ צו פירנ גוט.
שאַס ופאָסקימ	ש״ס ופוסקים	די גמאָרעס אונ אנדערע ספאָרימ פונ רעליגיעזע אויטאָריטעטנ.
סאָטנ	שטן	דער מאַלעכ, וועלכער פאַרמאַסערט דעם מענטשנ פאַר גאָט.
טפאָכימ	טפחים	פויסטנ.
טאָכ קעדיי דיבור	תוך כדי דבור	אינ די רייד, גלײַכ אפ אנ אָרט.
סליכעס	סליחות	טפילעס, וועלכע מענ זאָגט האַלבע נאַכט אינ דער וואָכ פאַר ראָשעשאָנע.
מעסעכטע	מסכתא	געמאָרע
יאָמימ־נוירויִמ	ימים נוראים	שרעקלעכע טעג (די טעג פונ ראָשעשאָנע אונ יאָמקיפער).
ניווהאַל־אומישטוימעמ	נבהל ומשתומם	פאַרוווּנדערט.
בעכאַצע כינעמ	בחצי חנם	האַלב אומזיסט.
קליי באַיִס	כלי בית	שטוב־זאַכנ.
באַוואַדאַי	בודאי	זיכער.
ביטאָכנ	בטחון	זיכערקײַט, זיכ פאַרלאָזנ אפ גאָט.
פיזמענ	פזמון	א טפילע.

צו „א גילגל פונ א ניגנ"

א גילגל	גלגול	פאַרוואַנדלונג.
בעראָוו אַמ	ברוב עם	אינ א גרויסער געזעלשאַפט.

שאלעש־סודעס	שלש סעודות	דער דריטער שאבעסדיקער מאָל־צײַט (מען עסט אים שאבעס פארנאכט).
קאָלנידריו, שווישאנאס יאקיוו	כל נדרי, שושנת יעקב	אזעלכע טפילעס.
האסאָגע	השגה	א באגריף
נעגינע	נגינה	געזאנג
מעלאווע מאלקע	מלוה מלכה	שאבעס אינאָווענט פארזאמלען זיך כסידים און פארברענגען זיך מיט געזאנג און טפילעס — דאָס הייסט מעלאווע מאלקע.
טויכוי ראָצופ אהאווע	תוכו רצוף אהבה	אינעווייניק איז ער אויסגע־פלאסטערט מיט ליבע.
דווייקעס	דבקות	עקסטאז.
מיט היסלאווּעס	מיט התלהבות	מיט ברען.
אהאווּאס האמאָקעם	אהבת המקום	ליבע צו גאָט.
אהאווּאס האבריִעס	אהבת הבריות	ליבע צו מענטשן.
שאבעס־שירע	שבת שירה	א שאבעס, וועלכער ווערט באַזונדערס געפײַערט.
נאָכאָש	נחש	דער שלאַנג.
שעויל טאכטיִע	שאול תחתיה	דער קיִיוער; דער געהענעם.
שיפלעס	שפלות	נידריקײַט.
גאָלעס האשכינע	גלות השכינה	גאָטס גײַסט איז אין גאָלעס.
רעיי אמידאָסיינו	ראה עמידתנו	זע ווי (נידריק) מיר שטייען.
טײַנעג	תענוג	פארגעניגן.
מאָרע שכוירע	מרה שחורה	שווערער געמיט.
מעכאדעש זײַן	מחדש זײַן	אריינטראָגן עפעס נײַס.
גאלגאלים	גלגלים	הימל־סיסטעמען.
יוים לעיוים	יום ליום	טאָג־אײַן, טאָג אויס.
לײַלאָ לעלײַלאָ	לילה ללילה	פון נאכט צו נאכט.
אָוואר אובאָטל	עבר ובטל	ער האָט שוין אָפגעלעבט.
באָרור קאשעמעש	ברור כשמש	קלאָר ווי די זון.
וועיינענו	ואיננו	און ער איז נים געוואָרן.
וועהאָ ראיע	והא ראיה	א באווײַז.
האסכאָלע	התחלה	אָנהייב.
שויכנ אָפער	שוכן עפר	א טויטער.

צו „שעהאסימכע בימעוינוי".

שעהאסימכע בימעוינוי	שהשמחה במעונו	וואָס די פרייד איז אין זײַן (גאָטס) וווינונג.
אצוועס	עצבות	אומעטיקײַט.
אולעסימכע מא זו אויסע	ולשמחה מה זו עושה	וואָס איז זיך דאָ צו פרייען.
מעסאקנ זײַן	מתקן זײַן	פאריכטן (פיגוראַל: די זאכן ווערן דערהויבן).
טרומעס אומײַסרעס	תרומות ומעשרות	דער טייל פון טוווע, וועלכן מען גיט אָפּ דעם קויהען.

קוּיכאָווים אומאַזאָלעס	כוכבים ומזלות	שטערן און פּלאַנעטן.
וועהאָ ראיע	והא ראיה	א באַווײַז.
טאָמע	טמא	אומריין.
קליי קעסעף אוקליי זאָהאָוו	כלי כסף וכלי זהב	זילבערנע און גאָלדענע קיי-לים.
פּידיען שוווּיִם	פדיון שבוים	אויסלייזן געפאַנגענע.
בעאויסע האָרעגע	באותו הרגע	אין דעמזעלבן אויגנבליק.

צו „צווישן צוויי בערג"

טאַלמיד מוּוועהעק	תלמיד מובהק	אן אויסגעצייכנטער שילער.
מעהיי טײַמע	מהאי טעמא	צוליב דער סיבע.
ניסגאַלע געוואָרן	נתגלה געוואָרן	אנטפּלעקט געוואָרן.
באָסער בעכאָלעוו	בשר בחלב	פליישיקע און מילכיקע.
דינע מאָמענעס	דיני ממונות	געלט-איניאָנים
מעשאָרעס	משרת	דינער.
בעויסע האָרעגע	באותו הרגע	אין יענער רעגע.
מעמשאָלע	ממשלה	הערשאַפט.
ניגלע	נגלה	דאָס באַוווּסטע.
טוירעס כאַיִם	תורת חיים	די טוירע פון לעבן.
נויקעם וועניוטער	נוקם ונוטר	נעמט נעקאָמע.
קענאָכאָש	כנחש	ווי א שלאַנג.
יאָצע מידאַטאָ	יצא מדעתו	אַראָפּ פון זינען.
גאַניידן האַטאַכטאָן	גן עדן התחתון	דער אונטערשטער גאַניידן.
איין לעשאַער וועיין לעסאַפּער	אין לשער ואין לספר	נישט אָפּצושאַצן און נישט אויסצודערציילן (זייער פיל).
פּויסער כאָלעם זײַן	פותר חלום זײַן	אויסטײַטשן דעם כאָלעם.
דעוואָרים בעגוי	דברים בגו	סע שטעקט וואָס אין דעם.
אייד מיפּי אייד	עד מפי עד	איינע איידעס האָט איבערגע-געבן פון א צווייטן איידעס.
היסגאַלוס	התגלות	אנטדעקונג.
הוילעק זײַן, מערצאָל הוילקימ	חולק, חולקים	האָט אן אנדער איבערצײַגונג.
ניזעק געוואָרן	ניזוק געוואָרן	געשעדיקט געוואָרן.
מיסראַכעק זײַן	מתרחק זײַן	זיך דערווײַטערן.
צאַדיקיי האַדאָר	צדיקי הדור	די צאַדיקים פון דאָר.
מאַקשע לעילייד	מקשה לילד	גייט שווער צו קינד.
אוינעש	עונש	א שטראָף.
מין האַשאָמאַיִם	מן השמים	פון הימל.
היסנאַגדעס	התנגדות	זיך אנטקעגנשטעלן.
בעיאָד כאַזאָקע	ביד חזקה	מיט געוואַלט.
כראָמעס	חרמות	רײַנליגן און בײַרעם.
טקיפעס	תקיפות	מיט געוואַלט.
אַנשיי כײַיִל	אנשי חיל	סאָלדאַטן.
פּידיען מערצאָל פּידיוינעס	פדיון, פדיונות	א מאַטאָנע פאַרן רעבן.
פּאָנעם מישאָווע פּרוטע	פנות משוה פרוטה	וויניקער ווי פיל ס'איז ווערט א פּרוטע (א פּרוטה—די קלענ-סטע מאַטבּייע).

א שמירעלע קאמיעלע	**שמירהלע קמיעלע**	**אמולעט.**
צדאָקע טאציל מימאָוועס	**צדקה תציל ממות**	**צדאָקע ראטעוועט פונ טויט.**
שעלוי מימינ האטײַנע	**שלא ממין הטענה**	**גיט אפ דאָס, וואָס מענ פרעגט.**
אמוד באַרזעל	**עמוד ברזל**	**אנ אײַזערנער זײַל.**
מישיכמוי ומאָלאָ	**משכמו ומעלה**	**העכער מיט א פליוצע פאר אלע איבעריקע.**
איימע וואָפּאכאד	אימה ופחד	שרעק.
מעסיקעס	מתיקות	זיסקײַט.
יוילעדעס	יולדת	קימפעטאָרנ.
גאל שעל אצאָמעס	גל של עצמות	א קרוווע ביינער.
מעסיכטעס	מסכתות	געמאָרעס.
א גאָדל	גדול	א גרויסער מענטש.
מאזהיר זײַנ	מזהיר זײַנ	וואָרענענ
קאָרעוו לאָעמעס	קרוב לאמת	נאָענט צום עמעס.
אהאווע אונ דוויקעס	אהבת אונ דבקות	ליבע אונ עקסטאז.
דאָנ שעלוי בעפאָנאָוו	דן שלא בפניו	אורטיילט אונטער די אויגנ.
מויפסים	מופתים	ווונדער.
נעס מינ האשאָמאַימ	נס מן השמים	א נעס פונ הימל.
קאוואָנע	כונה	א מיינ.
מעקאבל נאכעס געווענ	מקבל נחת געווענ	געשעפט פאַרגעניגנ.
האלאָצע	הלצה	א שפאס.
האסכאָלע	התחלה	אָנהייב.
קיטעס	כיתות	גרופעס.
יעכידע סגולע	יחודי סגולה	אויסדערוווילטע.
איינ־סאָפ	אין סוף	אומענדלעכ.
באַרזעל אונכווישעס	ברזל ונחושת	אײַזנ אונ קופער.
בעכוש	בחוש	מיט געפיל.
גערוידעפט	גערודפט	פאַרפאָלגט.

אינהאלט

	זײַט
דרײַ גיטאַרינס	3
באַנציע שװײַג	4
בא דער פרעמדער כופע־קלייד	11
דאָס שטרײַמל	14
די נאכט־װעכטער	20
די פרומע קאץ	21
מיינ נישט...	23
ניסים אפנ יאם	25
באמ גויסעמ צו קאַפּנס	31
אראָפּגעלאָזטע אויגנ	37
אויב נישט נאָכ העכער	48
פונ „א גילגל פונ א ניגנ"	52
שעהאסימכע בימעוינוי	55
צווישנ צוויי בערג	58
ווערטערבוכ פונ העברעיזמענ	71

פּרײַז 1 ל. 30 צ

J. L. Perecas

M O K Y K L A I

„Žydų Mokslo Mėgėjų“ Draugijos leidinys

1940 m.

Nac. S. Joselevičiaus spaustuvė, Kaunas, Ugniagesių 11 nr. Tel. 26219.
נאצ. דרוקערײַ ש. יאָסעלעוויטש, קאָונאַס, אוגניאַגעסיו גאַס 11. טעלעפאָן 26219